STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05015

VA-YEHI BI-YEME-

Ish Yair

Permanent preservation of this book was made possible
by Hyman Bomberg
in honor of
Trudith Bomberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איש יאיר

ויהי כימי...

vayehi Biyemey...

(It came to pass in the days...)
by Ish Yair

Copyright © 1975 by Dr. Israel H. Shtern
6741 Baily Road, Montreal, Quebec H4V 1A4

Design, Illustration & Photography: Adele Shtern
Consultants: José Cottonwood, Yona Shtern
Typesetting: Toronto Typesetting, Toronto
Printing: Pierre Des Marais Inc., Montreal

Special thanks to: Mark Recher, Production Coordinator
Henry Zimmerman, Photographic Coordinator

This product contains recycled de-inked paper

אות להורי
הקדושים והטהורים:
אבי, מוהר"ר אברהם זלה"ה,
ואמי מורתי, הצדקת גיטל נ"ע.

אַ וואָרט פון מחבר:

צוליב די אימות פון די צייטן און דעם בית־עלמין אין האַרץ, האָט דער מחבר יאָרנלאַנג עקשנותדיק געשוויגן בכתב. נאָר מיין ערשט־געבוירענע, מיין טאָכטער איידל, האָט מיך באַווירקט — מיט איבער אַ צענדליק יאָר צוריק — ווידער צו שרייבן. אַזוי ווי דער שאַפונגס־פּראָצעס און די פאַרעפנטלעכונג־מי זענען בבחינת „אַליה וקוץ בה", שענק איך איר דעם דאַנק און דעם האָניק, און פאַר זיך נעם איך די דאָרנקרוין, וועלכע איז מיר און מיין דור אייגן פון געבוירן.

מיין טאָכטער, די פּאָעטין, קינסטלערין און גראַפיקערין — חי' איידל שטערן — האָט פּלאַנירט און געפירט דאָס זעצן און דאָס דרוקן פון דעם בוך, פון ערשטן שטאַפּל אָן ביזן שפּיץ פון לייטער. אירס איז די קינסטלערישע באַצירונג פון בוך, און די באַמיאונג פאַרן אויסזען פון יעדן אות. ביי אונדזערע אָרעמע טעכנישע מיטלען איז עס נישט אָנגעקומען גרינג. זאָל זי זיין געבענטשט.

פאַר מיין געליבטער פרוי, אַמאַליע — בת איידל (לעוויצקי), נ"ע, ויבל"ט בנימין אלי' הכהן יודאָוויטש — דער ערשטער לייענערין פון מיינע ווערק, דער עקרת הבית, זענען נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן די ווערטער פון דאַנק. זי איז העכער איבער יעדן דאַנק. יהי רצון, אַז דער „מקימי מעפר דל, מאַשפות ירים אביון" זאָל זי דערהייבן און באַזעצן „עם נדיבי עמו" — „אם הבנים שמחה", אָמן.

מיינע יונגע גרעאָטענע זין, אברהם דוד און יונה — מיין דאַנק פאַר לייענען מיינע לידער, זינגען מיינע ניגונים, פאַר זייער מוטיקן מיך, און פאַר זיין מיינע זין.

מיין טייערע שוועסטער, הענע דבורה חי' — די פּאָעטין אבי־גואל, און די גרויסע מלומדת — מיט איר ליבן מאַן — רע נעורי ואוד מוצל מאש — דער תלמיד־חכם אהרן חיים — ב"ר בנימין מנחם ועטל לאָה (הערצבערג), נ"ע — מאַרדער, זענען ווי געליבטע עלטערן צו מיינע קינדער, און, ביי מיינע קינדער. נישט צום אויסרעכענען זענען די חסדים וואָס זיי טוען מיט מיר בכל יום ויום. פאַר זייערע מעשים, הקב"ה ישלם שכרם. פאַר זייער דערמוטיקונג — מיין אייביקע דאַנקשאַפט.

ואלה יעמדו על הברכה:

די געהויבענע מיטגלידער פון „דר. ישראל שטערן (איש יאיר) בוך־קאָמיטעט״, און באַזונדערס די חשובע חברים: ל. טענצער, פּאָרזיצער; ש. קרישטאַלקע, סעקרעטאַר; ב. פּאָפּעליס, קאַסירער.

די „אַליאירטע יידישע קהילה באַדינונגען״, און די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״ פון מאָנטרעאַל.

די „חיה און פנחס הובערמאַן פונדאַציע פאַר יידישער קולטור״, וואַנקואווער.

„דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס״.

אַלע מנדבים צום בוך־פאָנד.

אַ באַזונדערן דאַנק,

מיין ברודער — דעם שרייבער בחסד־עליון, אין ביידע יידיש־נאַציאָנאַלע לשונות, דעם מחנך און קולטור־בויער — דעם נשיא בית־אָב 'צימערמאַן־שטערן', יעקב־יצחק זיפּער־שטערן, פאַר איניציאירן דאָס אַרויסגעבן פון דעם דאָזיקן בוך, און נאָך מער.

מיין שוואָגער, דעם בוקיניסט, זאַמלער, און קולטור־בויער, שלום יוסף הלוי קרישטאַלקע, פאַר דעם שלל אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט ווי סעקרעטאַר פון בוך־קאָמיטעט, פאַר זיין אויסגעצייכנטער הגהה פון בוך, און פאַר דער מי צו וועלכער ער האָט זיך מתנדב געווען אויף להבא, ביים פאַרשפּרייטן דאָס בוך. הנותן ליעף כח יהא בעזרו.

די חברות שרה פּיטערס און ברכה שוגער פאַר זייער טעכנישער הילף צום בוך־קאָמיטעט.

דעם אינטעליגענטן זעצער פון דאָזיקן בוך, פריינד אַלעק סילווער, פאַרן טאָן זיין מלאכת מחשבת בשלמות.

לידער־שנירלעך:

א. ויהי בימי...
ב. ונקיתי דמם לא נקיתי...
ג. וכצפרים האחזות בפח...
ד. טערפּקע / טרער / שפּאַס
ה. ביטער־זיס
ו. וואָרצלען

א. ויהי בימי...

חרוזים אין עברי־טייטש

חלק א

ספור נפלא מפי זקן מופלג

רָזָא בֶּן מָהָר

„ענן וערפל סביביו...“
(תהלים צ״ז:ב׳)

זענען צו מיר, אַהער, מיין ליבלעך קינד,
נייג דיין קאָפּ מיט אַכפּערונג און מורא.
מיין טאָג, אין שקיעה־צאַנק, גאָלדיקט, צינדט.
פאָרכטיק איז דאָס אָרט — געהייליקט פונעם בורא.

מידלעך — פון יאַריד שוין — דער זאַמלער פון די גאַרבן.
נייג אָן אויער צו זיין שעפּטש, דו, וואָס דאַרפסט אים אַרבן.
די גאווה און דער וויסנגלוסט — אַ סם — דיך צו פאַרדאַרבן;
באַשירעמען ער וויל דיך נאַר, פון דעם גזר, דעם האַרבן.

וואַרף אַראָפּ פאַרשטויבטן לאַטש, בייג די קני, פאַל כורעים,
פאַרנעם און הער פון סוד די טייטש, וואָס זינגלט קדמון־קברים...

ויהי בימי, ווען איינס ווערט צוויי,
אויף יענער זייט הי, אין לאַנד **מָה־הִיא**,
געלעבט האָט דער שטאַם פון **בְּנֵי־מִנְיָן**.

מעכטיקע בערג, רעשיקע טייכן
צעפּראַלטע תהומען פאַרהילכן, פאַרקייכן.
פאַשע — פעט, זאַפטיק; שטרעמלעך — יונג, קרעפּטיק —
גן־עדן־גרין טאָלן, באַשאָטנדע בערגלעך,
באַפּרוכפּערן שפּע, פאַרשיכורן דופטיק.

דאָ וואַקסן, נעדייען, די קרעפּקע גבורים:
שטאָלץ און פֿאַרריסן — דער שטאַם פֿון **מִנְיָן.**

גיריק, יאָ, גלוסטיק, קיינמאָל געזעטיקט,
פֿאָרשט מען אָן אויפֿהער, מען נישטערט מיט עזות:
דערגרייכן דעם **'איידער־בראשית'** פֿון חומר,
אַנטבלויזן די אַנדערע זייט פֿונעם **'לעצט'**,
געפֿינען דעם **'מיטעלן פּאַל'** פֿון **'אין־ברירה'**,
אַנטהוילן דעם **'אַיִן'** וואָס מַמֶשט **'יצירה'**,
אַנטפּלעקן דעם 'ווי' פֿונעם **'איצט'** און דעם **'דאָ'.**

דער חכם — פּאַרטייעט — טרינקט ביטערם פֿון דנאָ,
שווייגט שטיל אין דער שעה, פֿאַרשווייגט אַזאַ שעה...

גלוסטיק, גיריקער פֿאַר אַלע,
— ווי אַ נואף נאָך אַ בתולה —
וואַסערט תאווה ביי **מִן־דוֹר.**
פֿאַנגען עופֿעלעך — באַפֿעלט ער.
שאַרפֿע קעפּעלעך באַנערט ער.
אויסמושטירן זיי — באַשטימט ער —
אין געהיים, דורך וויסנקנעכט.
מַר מִן־דוֹר טוט זיך באַנוגן
מיט דעם עוקץ פֿאַרגעניגן
ביז די כעמיקער־חריפֿים
וועלן פּרוכפּערן די גופֿים
אין פּרובירקעס, אויף באַשטעל.
גילט לעת־עתה זיין באַפֿעל:
„גאונים־קעפּעלעך גיט'ך מיר, שנעל!"

ס'מיידט זיין חלום נישט ביינאַכט,

ס׳גיט קיין רו נישט ווען ער טראַכט,
ס׳איז זיין איינציקער באַנער:
אַ גזע גאָלע שאַרפע מחות,
זאָל אויפגיין — מיט געשפּאַנטע כחות —
צו דערגיין **׳פאַרוואָס׳**, און **׳ווער׳**;
אָנצופילן וויסנבעכער
מיט מיין פון סוד פון **׳נידער׳**, **׳העכער׳**,
מיט תהום וואָס שלינגט דעם הרף־עין,
אין פאַלד פון ׳זיין׳ טוט זיך פאַרטייען...

שלענגלען געפלעד־ניפט אַלץ העכער;
שוימט דער סם פון פולן בעכער;
דער חכם — פאַרטייעט — מיידט אָט דעם **׳העכער׳**,
וויכט פון דעם בעכער...

זומער־חנא — זונשטיל־טאָג.
זון זיפּט פּריסיק — תמוז־קלאָג.
אָנגעברייט געבראָטנס, פיש,
מעד און קאָניאַק, ווייַן צום טיש.
מילך און האָניק — בתולות־ריין —
באַגלייטן תמוז מיט געוויין.
כלות קויפט מען היינט פאַר מינץ:
דערמינטערט קריק — דער פּרוכפּערפּרינץ.
שיכור אַלע, טאַנצן פרייליך,
איבער אַלץ — מן־דור — דער מלך.

מן־דור, דער מלך, אין מיט דער סוויטע,
זיצט באַקרוינט, באַגילדט, באַקיטלט,
ווייס אויף שאַרלעך, פּליוש אויף סאַמעט,
זילבער־שטעך און בלישטש פון דימעט.

סקעפּטער אויסן גראַמען אַרבל
טייטלט שטרענג אויף „מי ישפל״...

אַך און ווײ צום איפּעס־קעפּל,
וואָס מען שלעפּט עס פון שרענגע:
„ענגע־בענגע, סטופּע־צענגע,
גיי שוין, שפּיל אין טשייכן לענגער;
נישט פאַר דיר גיין אין געוועט
מיט דעם גאונים־קעפּ קאָמפּלעט.״
פייף און „בו״, פייף און „נידער!״,
שטופּ און שלעפּ, און ווילד גערודער;
דאָס קילט דאָס האַרץ זיך דאָס געזעמל
אויף לא־יוצלחם שלים שלימזל —
דורכצופאַלן אין דעם טעסט,
מן־דורם יערלעכן פאַרמעסט,
פאַר שטעט אין מנינם פאָרש־קאָמפּלעט.

סקעפּטער אויסן שטאַרקן אָרעם
טייטלט שטאָלץ איצט אויף „מי ירום״...

ווער אונדז גוטס גינט זאָל דערלעבן
זען זיין קינד אין זאַץ פון זיבן.
זיבן! זעמלמעל פון דענקער!
הוראַ, וויוואַט, און כּה־לְחָי!
שהחינו ארוני!
דערלעבן זען מיט די אייג׳נע אויגן,
ווי שכינה רוט אויף זיבן טויבן!
דערלעבן זען דעם ראש פון זיבן —
מן־דור, אַליין, האָט אויסגעקליבן.
(מן־דור — אַסקעטיש, שלאַנק און איידל —

בײַט די פּנימער — אַ דריידל;
דאָ — אַ שלאַנג — נוקם ונוטר;
דאָרט — אַ שמן־זית פּאָטער.)
ער — בכבודו — באַקראַנצט, באַקיטלט
דעם כּלי מפֿואר, דעם ראש; באַהיטלט.

דער חכם — פּאַרטייעט — קלאָגט דערויף:
"ויוסיף דעת — יוסיף מכאוב..."
לאָזט אַ טרער אויף מָחָר בֶּן תֶּרַח:
דערין ליגט אַ סוד — כַּפְתּוֹר וָפֶרַח...

איפּעם־קעפּ, אין זיבעטער זאַצן,
בשבע עינים קוקן און גלאָצן,
שוועבן אין ספֿערן, בעזעמען הימלען,
צעגלידערן חומר, נעמען אויף צימבלען
מענטש און יצירה; און גאָר דעם באַשעפֿער.
צעציען מאָמענטן ביז אייביקייט־דויער.
פֿאַרשליסן פֿאַר מלאך־המות דעם טויער;
אָט, און מע פֿייערט איבער טויט, שוין — דעם זיג.
אָט, שאַרט מען חמרים קרבנות צום קריג.
אָט, רייסט מען די שלייערס פֿון שפּינוועבס, ווילד־גלויבן;
מען טרוימט האָריזאָנטן — גאָטס וואונדער, דערהויבן.
באַלד נידערט אַ נעפּל, עס פֿאַלן פֿאָרהאַנגען
פֿון חשבֿות, וואָס סודות פֿאַרהילן; פֿאַרלאַנגען,
דאַן שטייגן, צו פֿאָרשן נאָך שטאַרקער, אַלץ ווייטער:
עס דרייט זיך און שווינדלט פֿאַרכישופֿטער לייטער;
באַגרענעצטער מח פֿאַרקנעכט איז צום רייטער —
די תּאווה נאָך וויסן; כּפֿירהס באַגלייטער...
סיזיפֿוס מאַטער? אַ מערעשקעס קלעטער
אַרויפֿצו און העכער: אַ פֿאַל און אַ שמעטער,

אַ פֿאַל און אַ קלעטער? אַנזיניקע מי?
מן־דור איז מבטל: „רייד פֿון נישט הי,
בטלנישע דאגות, שוים פֿון אומווּיסן!”
„מיר שטראָמען פֿאָרויס אויפֿן שטראָם פֿונעם וויסן
צום טורעם פֿון ליכט, אין **פּראָגרעס** — אונדזער האַפֿן;
המצאות מיט ווערעך, אונדזער האָפֿונג אָן ערך,
דערפֿילן בקרוב וועט **מחר בן תרח**...”

מחר בן תרח, דער שוואַרצער ציגיינער,
געקרייזלטע האָר, ברייטפּלייציק, געביינערט,
זיין טראָט מאַכט יונגפֿרויען, און בתולות, צום נאַפֿן.
ער, דווקא, ווייסט נישט (צי ער מאַכט זיך נישט ווּיסן)
זיין מאַכט און זיין כישוף; ער איז נישט פֿאַרריסן;
מיט קליין און מיט גרוים, מיט קנעכט און מיט מייסטער,
ער שמוסט ווי אַן עניו פֿון נידעריקסטן רייסטער;
אַ נזיר, צום **וויסן** — דער כלה — פֿאַרקנסט,
ער איז וואַך ווען דער שחר אין מזרח פֿאַרבלאַסט.
די אוינן, צוויי קוילן — אין פּאָקוס, די צייט —
צעפּלעכטן דעם פּלאָנטער וואָס סוד האָט פֿאַרדרייט;
שרימפּן פֿיל־פֿאַלביקן **'ספּערן־קום־צייט'**:
אחרית צו **ראשית** דערנענטערן גרייט.
פֿון **'תיק"וס'** דער תירוץ ליגט גרייט, אָנגעברייט.
אַשרי הדור, ווען נאָענט ווערט פֿון ווייט...

„אַשרי הדור?... נאָענט ווערט פֿון ווייט?...”
פֿאַרצאָנט ווערט מחר, פֿון יאוש צעדרייט:
„דאָס היינטעלע־היעלע, דאָס אָפּסל־ניסעלע,
דאָס עפּעסל־זעמדעלע, דאָס הימישע ביסעלע...
...פֿונקט... אין דער מיט פֿונעם אייביקייט־שיסעלע!
אינעם קליינינקן עוקצל שטעקן די הימעלעך

פון אונדזערע טאַטעלעך, מאַמעלעך, ווייבעלעך;
לעבן די נעכטנדלעך, מאָרגנדלעך, קינדערלעך;
לאָבן פאַרוואָסעלעך, מיינדעלעך, וואונטשעלעך;
צאַפּלען מיר אַלע — געשאָכטענע טייבעלעך...
אייביקייט־שמייביקייט, ראשית און קץ,
פאַרהילט בלייבן אייביק אין **'איידער'** און **'לעצט'**.
אומגליקלעכע, מיר נאַר, שפּילן וואַ־באַנק
מיטן אָרעמען נפש — איינמאָליק געשאַנק..."

מחר, דער ראש פון זיבענערם זיבן,
צום ביטערן קערל האָט זיך דערקליבן;
עס וויכט אים דער שלאָף, זיין אויגן־לעפּל,
ר'זעט אָדם און חוהן קייען דעם עפּל...
רופט ער צונויף די זיבענערם זיבן,
ער לייגט פאָר די ברירה, און וואָס ר'האָט געקליבן:
לעבן אָן וויסן, אין יחוד מיט אַלעם,
שווימען אין ים פון דעם 'זיין' ווי אין חלום,
אָדער שאַרפן דאָס זען, פון 'זיין' אָפּגעריסן,
מענטש קענען אַלעם, אָן איינזען, געוויסן,
צעשטערט זיך אַליין ווי אָדם הראשון.

באַשליסן זיי אַלע גלייך אויפן אָרט,
זיי גיבן זיך איינער דעם צווייטן דאָס וואָרט:
פאַרוואַרפן אין ניוועטש די נייע המצאות,
שיקן אויף פענסיע, אויף קהלם הוצאות,
די זקנים־חכמים פון זיבענערם זיבן;
די יונגע חכמים, זיי האָבן געקליבן
אַ דרך אַ נייעם פון יחוד מיט אַלעם,
אַ שטעגל וואָס פירט צו דעם שם אָן אַ נאָמען;
מן־דור — כנגדו — אויב ער וועט נישט באַשטיין,

וועט מוזן פון טראָן, מיט גוואַלד, אַראָפּגיין.
דאַנקען און לויבן דעם שם אָן אַ נאָמען,
וואָס די זיבענערס זענען צום שכל געקומען.
אַשרי הדור, וואָס איז פּשוט און ערלעך,
און קלייבט אוים דעם דרך פון מחר בן תרח.

דער חכם — פאַרטייעט, אין יחוד מיט אַלעם —
אין גאַנצקייט מיט זיך, מיט אַלעמען שלום,
געהילט אין אומוויסן, דעם מקור פון דעת,
איז מכפּר אויף פּירוד, פאָרשונג־חולאַת...

חכמים, נבונים — נאַאיווע געזעלן —
מע קען מיט זיי טוען וואָס ס׳טוט נאָר געפעלן.
מן־דור האָט דערוואוסט זיך פון זייער מרידה,
נאָך איידער מחר האָט געטראַכט פון אַ בגידה...

אויסן שאַרף פון די ליפּן, פון דער זייט פונעם מויל,
ווי דער בים פון אַ וועספּ שמאַרצט זיין ביטול אין קול,
קוילערט באַפעל זיך אויף כוואַליעס פון האַס,
לאָזט נישט דורך קיין שום שטאָט, לאָזט נישט דורך קיין שום גאַס:
„די ליסענע קעפּ, די בלינדע נאַכט־סאָוועס
האָבן געוואַגט צו טרייבן קאַטאָוועס
מיט מנינם שליחות, מיט מן־דור, דעם האַר;
זיי האָבן אַ טעות געמאַכט אינעם חשבון,
זיך נאָר אַליין געמאַכט צום גענאַר.
מיר וועלן, דעריבער, די זיבענערס זיבן
נישט טשעפּען אַ האָר אויף דעם ליסענעם שטשערב;
פון אונדזער גנאָד, נאָר, זיי ווערן פאַרטריבן,
מער נישט געציילט, נישט געדאַכט אין מנין —
געשליידערט, פאַרשיקט צום פּלאַנעט — **מְנִיָּמָן.**

דאָרט, אין דער טיף פון די הימלען, אומענדיק,
זיי וועלן פאַרבלייבן, פאַרשאָלטן אויף שטענדיק.
דאָרט זיך צו פירן אויפן פינצטערן דרך,
די געניאַלע המצאה פון בוגד בן תרח...
זיי האָבן געבראָכן ס׳געבאָט פונעם לאַנד,
זיי האָבן באַדעקט זיך מיט שפּאָט און מיט שאַנד.
זיי האָבן פאַרשאַפט אונדז יסורים און שמאַרץ;
אַב־שנאה, דער יועץ, מיטן קיזלנעם האַרץ,
וועט באַשענקען די בוגדים מיט אַ בענקענדיק האַרץ;
אַ האַרץ אַ געבראָכנס, וואָס בענקט סתם, אָן אַ טעם,
וואָס רייסט זיך צום ברעג, ווי אַ כוואַליע פון ים,
און קען אים נישט גרייכן, ווי דעם ווינט וואָס פאַרשווינדט;
וואָס לעכצט נאָך התגלות אין דער חשבות וואָס בלענדט,
גלוסט אויסגיין, דערפּליסן צום שם אָן אַ נאָמען —
די תשוקה פון שטרעמל צו דער מוטער פון שטראָמען,
וואָס פאַרלירט זיך אויף אייביק אין דעם אָפּגרונט פון ימען...״

די זיבענערם זיבן, כעלות, גאַנץ פרי,
געשליידערט, פאַרשטויסן, פון לאַנד מה־היא.
די זון האָט געגאַפט מיט פייער אין ברעם,
די שטערן פון מאָרגן — געבלינצלט פאַרשעמט.
מן־דור האָט געציטערט — פראָסט אין די ביינער:
בלייבט איצט אַ חכם, אין מה־היא, בלויז איינער,
ווער וועט אים שטערן חלומות און פּלענער?
קיינער נישט, קיינער, קיינער נישט, קיינער;
געבליבן אַליין, ער, אַ חכם בלויז איינער,
אַ חכם נאָר איינער, קיינער מער, קיינער...
געבליבן אַליין, ער?... אַ חכם בלויז איינער?...
אַ רוח אין זייערע ביינערם ביינער!
אין מנימן, אין וויסטן סטעפּ,

וועט ווערן פֿאָרד פֿון איפֿעס־קעפּ.
מאַכן שטיק, טרייבן קאַטאָוועס,
וועט זיך אָפּגלוסטן די בלינדע סאָוועס.

* * *

די זאָרגן, פֿאַרבאָרגן אין מן־דורם מינע,
פֿאַרטרייבט מיט אַ שמייכל דער יועץ, אַב־שנאה.
פֿאַרבאָטן צו זאָרגן איז אין לאַנד פֿון פּראָגרעס:
שמייכל, מאַך פֿריילעך, אייל־צו דעם פּראָצעס!
צו מאָרגן, אָן זאָרגן, מן־דור ביי דער זייט
פֿון מחרם וויבראַטאָר, 'שרימפּ־ספּערן־קום־צייט',
אַב־שנאה שליסט־איין אין עלעקטרישער נעץ
דעם אָפּגאָט פֿון וויסן, דעם דראָטענעם געץ.
איידער אַ טאָטער שפּרעכט אָפּ אַן עין,
קירצער ווי הבלען דערהרגעט ס'האָט קין,
חוהן פֿאַרשנירלען די ליפּלעך אַ רינגל,
פֿאַרזוכן געזאַלצענע טרער אויפֿן צינגל...

* * *

א,

ווי נישטיק דיין סוף, מן־דור, גרויסער מלך,
אַ רינגעלע רויך בלויז — דיין ערדישער קיילעך...

* * *

ביים שוועבן אין קאָסמאָס, צו מנימן, דעם פּלאַנעט,
מיט ערפּאָרכט און ציטער, האָט דער זיבן־קאָמפּלעט,
דעם בליץ און דעם שלאַק אויפֿן פֿירמאַמענט,
אין הייליקן שווייגן, געשענקט אַ מאָמענט.
און, געטראָגן זיך ווייטער אויף ספּערישן פֿאָך,
לשם יחוד מיט **אין** — דער הייליקייטס תוך;
לשם יחוד מיט **אַין**, געטאַטשקעט זיין יאָך;
לשם יחוד — פֿאַרטייעט — אין אייביקייטס תוך...

זיבן מאָל זיבן ליכטיאָר אין הימל,
שווימען די זיבנס אין מעטעאָר־געשוויבל;
דעם וועג זיי פאַרלויפן קאָמעטן מיט עקן
פון פייער און שוועבל, מיט טויטלעכע שרעקן;
זיי שניידן אַ וועג זיך דורך זיידענע נעפלען,
דורך שלייערן שלווה — צו העכערע שטאַפּלען.
עס שווינדלען אַנטקעגן מיראַזשן פון צויבער:
פּרוכטיקע לאַנקעס, ריזיקעביימער,
טישן געגרייטע, פּירות אין קויבער.
שטרעק נאָר די האַנט, דו וועסט זיי דערגרייכן,
דו פאַנגסט אַ פויסט ליידיק, אַ ביטערער צייכן...
אַב־שנאה הרשע, זיין אַנדענק זאָל פוילן,
האָט באַשאָנקען אַ האַרץ ווי ברעניקע קוילן;
אַב־שנאה דער ממונה, דער מכשף אויף שוואַרץ,
האָט באַשאָנקען די זיבנס מיט אַ בענקענדיק האַרץ;
אַ האַרץ אַ געבראָכנס, וואָס בענקט סתם, אָן אַ טעם,
וואָס רייסט קיין מנימן זיך, ווי אַ כוואַליע פון ים
צו אַ ברעג נישט דערגרייכיק, צו דעם ווינט וואָס פאַרשווינדט;
וואָס לעכצט נאָך התגלות אין דער חשכות וואָס בלענדט,
גלוסט אויסגיין, דערפּליסן צום שם בלי שם
מיט תשוקה פון שטרעמל צו דער מוטער פון שטראָם,
וואָס פאַרלירט זיך אויף אייביק אין דעם אָפּגרונט פון ים...

דאַכט זיך: מנימן — מיט דער האַנט צו דערגרייכן.
מחר בן תרח גיט שוין דעם צייכן
צו לאַנדן, מיט מזל, אויף איינעגער ערד;
ס'איז אָבער די זיבנס נאָך אַלץ נישט באַשערט
קיין מנוחה ונחלה, קיין האָניק מיט שמאַנט,
(צו מנימן — זאָגט דאָרט איינער — דאַרף מען האָבן טאַלאַנט...)
פון אונטער דער נאָז, איז פאַרשוואונדן דער באָדן,

אַ פֿאַנטאָם אָן ממש: „אין הימל אַ פּלאָדן..."
אַנטוישט אין דער גאולה, דער וואָס האָפֿונג פֿאַרלירט
אַנטלויפֿט צו דער בענקשאַפֿט, די וואָס נאָנט און פֿאַרפֿירט.
די פֿאַרוואונדעטע נשמות, די גופֿים אין יסורים
באַשירעמט אין באַהעלטעניש — טלית שבולה רחמים.
דאָס צעפֿייניקטע האַרץ פֿון די בּרעניקע קוילן
פֿלאַקערט אין תּשוקה נאָך סודות־פֿאַרהוילן,
וואָס באַהעפֿטן צום פֿייער, צום סנה פֿון התגלות,
אין צעפּיבערטן טראַנס פֿון התלהבות־התפּעלות,
כּל־עצמותם ציטערן, גייען־אויף אין פֿלאַם,
צעלאָזן זיך אין רוחניות ווי שטרעמעלעך אין ים...

מחר, — יעדער גליד, יעדער ביין, וויבּרירט,
אַ לייבּן־בּריל גייט־אויף פֿון קעל — איוב פֿון צער גערירט:
„געליבּטער טאַטע־קרוין, פֿאָטער, אַב הרחמים,
ראה, אַז באו מים... אומדערטרעגלעך די יסורים...
צו דיר מיר צילן, שטרעבן, אל רחומניו וצדיק,
אויף דיר זיך מוסר־נפֿש, אָן דיר, נאָר, זיך מתדבק.
דו, וואָס יעדן חלל, דיין כּבוד איז ממלא,
למה עזבתּנו, אין אָפּגרונט, אלי, אלי,
מיר זענען, טמא־זינדיק, דיין צאָרן נישט אַנטרונען;
דאָס האַרץ איז הויל אוןליידיק — קערסט־אָפּ פֿון אונדז די שכינה,
דערבּאַרעמדיקער פֿאָטער, מיין געבעט נעם־אָן,
פֿיר אונדז צו דיין משכּן, דיין מקדש פֿון אייבּיק־אָן."

אַ טרער פֿון טוי אויף מחרס שלייף — פֿון קדם אָנגעבּרייט —
„גענרייזט פֿיל מאָל האָט אייער האַרץ" — אַ קול הערט מען פֿון ווייט —
„מיין משכּן זען פֿאַרבּאָט איך אייך — אַזוי פֿלאַמט־אויף מיין גזר —
מיין צאָרן גרימט: פֿאַרהוילן בּלויז באַוויין איך זיך, דערפֿאַר.
אַ יונגער צווייג שפּראָצט־אויף פֿון אייך — געהייליקט נאָר צו מיר —

זיי געפינען מיך ביי זייער שוועל, איך וואַך אויף זייער טיר;
ערלעך, פּשוט — זייער גאַנג — פון ווינקל ביז צום גרוב,
זיי געפינען מיך ביי זיך אין האַרץ, אין מיר הויזט זייער שטוב."

געפלויגן, געשוועבט, געהויערט אין הימל
ביז אַלע זיבנס — צום אייביקן דרימל;
דאָס צווייגל — אומוויסיק — האָט געשיקט אַ שטאַפּעט
אויסשפּירן, אַרבן, מנימן דעם פּלאַנעט.
אונדזער מנימן — דער פּלאַנעט. איך רזא — מחרם — דער שטאַפּעט.
פאַר דיר און דיינע קינדער, אויף אייביק, דאָס געבעט:
„אל, שופט־כל ודין, וואָס מְמֻשט יש מאַין,
די בענקשאַפט, אין לשער, זאָמל אין דיין שייער.
ווען שוין טוסטו דרעשען רשעים — ווידערשפּעניק,
באַשירעמען מיט חסד די וואָס — אונטערטעניק?
דער עמוד־הענן הילט אונדז, דער עמוד־האש פאַרהוילט דיך;
זאָלן ציטערן די כופרים, מיר קלעבן אָן דיר, פאָטער, **גאָט**! . . .

חלק בּ

חַבָּד בֶּן יַחְבּ֫שׁ חי וקים! חי וקים!

„...ואמר עם תעי לבב הם, והם
לא ידעו דרכי." (תהלים צ"ה:י')
„והיה אור הלבנה כאור החמה, ואור
החמה יהיה שבעתים כאור שבעת הימים,
ביום חבש ה' את שבר עמו ומחץ מכתו
ירפא." (ישעיה ל':כ"ו)

פאָרער צום פּלאַנעט מנימן,
געוואָרנט זיי, געהיט —
פאַרוואָרלאָזט איז די ערד, פאַרוויסט.
אַקער־רים אויף שפּיצהאַק בים,
בראָנע־קאַם, אַ פּנים — שוויים,
געפלעקט מיט קוסט, מיט גראָז געשפּרייט
וואולקאַנען־שטיין און וויסטיקייט.

גערשטן־ברויט און רעגן קאַרג;
שוואַרץ געצעלט אויף קאַרק פון באַרג;
געגראַבלט טיף, מיט שוויים פון פּנים,
געזאַלצן וואַסער פון זיבעטן ברונעם;
זעלטן פלייש, און ברויט, צו זאַט —
פון זון געברענט, פון אַנגסטן מאַט;
קאָנאָפּליע־זאַק אויף שטרויען בעט —
ליאַנע־העמד און פלאַקסן גרעט;
מאָגערע ערד, עבודת־פּרך,
דאָם איז די נחלה פון בני־מחר־בן־תרח...

צַבָּר־מֹתֶק... קאַקטוס־זים...
רופט מען אָט־דעם לעמפערט־פעלדז

— די פּליאַמעס קשאַק אויף ליים און קוואַרץ —
וואָס קרימט דעם מענטש, צעברעכט זיין האַרץ,
פֿאַרצוקט די צייט וואָס אים באַשערט,
פֿאַרלענדט דעם שפּראַך וואָס אים געהערט;
הייליק איז דיין שטויב אויף פּים,
מתק הויזט אין דיין געצעלט...

רוקנס געבויגן, קינבאַקן שטאַרציק,
אויגן געזונקען, שנאָבלען גרויסאַרטיק,
נידריק געוואָקסן, זשוואַווע און פלינק
בני־מתק געהאָרכיק, גנעדיק און פרום
בוקן זיך דאַנקפול צום רחום וחנון
פֿאַר שענקען אַ רעפטל, און וואַסער אַ שלוק.

נביאים באַווייזן זיך — פייער און פלאַם —
בייטשלען מיט מוסר אין דרשות פול סם.
מען אַנט גאָרנישט ווי, מען מאָלט זיך נישט ווער:
די זינד הויערט גרוים ביי יעדערנס טיר.
דער ברית איז געפעלשט, צעריסן — דער בונד.
דערפאַר שטאַרבט אין קימפעט געווינערינס קינד...

די זקנים — באַקיטלט — מיט שפּראַך אויף כעלות,
(ווער פליסיק, איז מקדים דעם טינטיקן חצות.)
זיי בוקן זיך כורעים, שלאָגן על־חטא,
שמייסן זיך מלקות אויף טשוועקעס אַ בעט,
פאַלן ביי תחנון, שיטן אַש אויף די קעפּ,
זיצן אויף דרערד, צום אָרון די טרעפּ,
ציען־אָן זאַק, רייסן זיך קריעה,
בלאָזן אין שופר, טרייבן שלאָף פון די וויעס,
פֿאַרמיידן פון לייב דאָס מינדסט עולם־הזה,

לעבערן הימלען מיט: „מה־זה, ועל מה־זה?״;
זאָגן־אָפּ ווידוי, געווייקטע אין טרערן;
(פון איין גזר צום צווייטן, די סליחות זיך מערן...)
נייג, פאָטער אין הימל, צו אונדז דיין געזיכט,
דיין איינציקן מתק, דיין צאַנקענדיק ליכט...

דער פּאַסטעך־קיניג, חבד בן יחבש
— אַ קאַראַקולענער ספּאָדיק, אַ פּעלצל פון שמויש
וואַרעמט אַ קערפּער, אַלט פאַר דער צייט —
אויף קידוש־השם איז ער אָנגעבּרייט.
ער נעמט אויף זיך דער עדהס זינד —
מכפּר צו זיין אויף מוטער און קינד.
וואָס טוט מען, וואָס, קעגן האַרץ אָפּטריניק
פון צעפּיעשטשעטן מתק — אל־שדים מוזיניק?
דער גרייז־גראָער קאָפּ צו דער ערד געבּויגן;
טרערן פאַרפלייצן זיינע טויבּן־אויגן.
יעדער קנייטש פון זיין פּנים וויינט פון יסורים;
יעדעס ביינדל טענהט צום רבונו־של־עולם.
ער רוט נישט בּייטאָג, ער שלאָפט נישט בּיינאַכט;
צוקאָפּנס — די האַרף און דער ווינט אויף דער וואַך.
דרימלט קוים איין — מידער קאָפּ אויפן קישן —
ציטערט צערטלעך אַ סטרונע: „לא ינום ולא יישן...״
שטייט ער אויף אין דער טויבקייט פון דער טינטיקער נאַכט,
שפּילט און וויינט, צימבּלט־זינגט מזמורים אַ סך;
מזמורים וואָס זינגען ווי די בּין אויף דער בּלום:
„בּא דודי, ידיד נפשי, קום ליבּסטער, קום.״
מזמורים וואָס גלוסטן ווי דער מאָיל צו דעם פלאַם,
וואָס קלאָגן אויף הסתר פון שם־בּלי־שם.
טאַנצט דער ווינט אויף דער סטרונע — וואָרקעט האַרף ווי אַ טויבּ;
פאַרנעמט די עדה, בּני־מתק, רייסט פון בּרוסט זיך די לויבּ.

וואָיעט ווינט אויף דער האַרף, קלאָגט אַ בת־קול ביי נאַכט:
„זינד וועגט שווער, זינד איז אייביק, זינדיקט קינד פון דער טראַכט.
פאַרשטוים נישט די תּפילה, דאָס זיפצן, דאָס קרעכצן,
לאָז רוען דיין שכינה באַטש טמא די לעפּצן...
לייטער־אוים — ריין פון זינד — דאָס האַרץ וואָס אָפּטריניק;
דערבאַרעם זיך, טאַטע, אויף דיין מתק־מוזיניק."

ווי כמאַרעס נאָך רעגן צעשויבערט פון ווינט,
צעקעמען די שטראַלן — אַ זוניקער שרונט —
באַשמייכלען די גאַסן מיט אַ שיין מאַט און קראַנק,
בני־מתק, פאַרבענקטע, מיט אַ האַרץ וואָס טוט באַנג,
צעלאָזן אין האָפונג דעם פּחד, די פּיין,
קייקלען פון ברוסט דעם וואַרגיקן שטיין;
עס כוואַליעט דאָס האַרץ אַ פאַליע, לייטזעליק,
כל־עצמותם טוקט זיך אין רחמים, פאַרגיביק;
חרטה לאָזט לויטער, תּשובה מאַכט ריין:
אַ קוואַל פון מתיקות, אַ קוש ביז אויסגיין...

חָש־חַד בֶּן חַבָּד, דער 'פּעמפּיק־פּאַן־פּאַמפּע',
שטעלט טריטלעך מיט אָנשטעל, שטופּט פאָרויס די געמבע.
פּנים — מאַט ווי חלב; בלאָ־וואַסער די אויגן;
האַלט נאָר אָן דעם שטאַט, טוט צו גאָרנישט טויגן.
פון המון גייט דער מורמל: „אָט קומט חומץ בן־יין!"
בליקן לאַשטשען באַגלייטער, דעם הער חָש־בִּיב בֶּן אַיִן.
חש־ביב בן אַין טרעט שטייף ווי אַ פּרענט —
אַ מאָנאָקל אויף לינקן אויג — אַן 'ענ־טע־לינענט'...
מען זאָגט אויף אים באַטשבי: 'אַן אייזערנער קאָפּ'...
געפינסט נישט קיין הערל אויף זיין גלאַנציקן טאָפּ.
ער האָט זיך דערגריבלט, אים געקומען צו חלום:
די שפע פון מה־היא — מנינם שמאַנט און שלום...

חש־חד איז, כנגדו, אַ טעמפּ באַלעבעסל —
פאַרוועדט שוואַרצן כישוף און אילע טריף־פּסול
וואָס ווייניקער חקירה, פּיליסיפּישע שיטות,
איז כאַרוועך פאַר פרומקייט, געזינטער פאַר מלכות;
אַז אָסור צו טראַכטן — ווייס חש־ביב גאַנץ וואויל —
ווענן מה־היא, מנין; ווער שמוסט ברענגען פאַר מויל;
ער פאַרלאָזט זיך אויף פריינטשאַפט — אַ קנאַפּע
באַשיצונג —
ווען חש־חד קען דאָ קויפן פון די זקנים די שטיצונג...
פאַרטריבן אין גלות ווערט חש־ביב בן אַין,
און אַלע יונגעלייטלעך וואָס וואַגן צו ברייען
ווענן נעכטיקע טעג. עולם־הזהדיק לעבן,
שכר אויף **דעם** עולם, נאָך וויסן דאָס שטרעבן;
אויפדעקן סודות פאַרדעקטע מיט שטויבן,
נישט טאָפּטשען אויף בלינד מער אין גלויבן, נאָר גלויבן;
פאַרוואַנדלען וואולקאַן־שטיין אויף שוואַרצערד און ליעם:
די שפע זאָל שוימען — רייס נאָר און פרעם;
גלייכן די רוקנס אַז מאַן זאָל זיין מאַן!
מנין — הויך און לעבן! אַוועק מיט מנימן!

חש־ביב בן אַין מושטירט מיט בלי־זין,
האַרטעוועט מוסקלען, שטאָלט די ידים;
טובלט דעם קערפּער אין פרירקע שפריצן,
טויב צו דעם מוסר, צו דעם ציינער־קריצן:
סע ווייסט דאָך אַ קינד אין מנימן, דער מדינה,
אַז לייב — פאַרן גרוב, און די ווערעם דערינען.
פאַרוואָס זשע, נו טאַקע, טוט זיך דער רשע,
דער חש־ביב, דער לאָבוז, פוצן אַן בושה?
אין סאַמעט, אין זיידנס, אין געמזענע שיכלעך?
גיט זיך נאָך אילע תאוות באַשריבן אין ביכלעך?

זונשטיל־תמוז, העליש פייער,
זון זיפּט פּריסיק, אומגעהייער;
מענטש — פֿאַרחלשט, ליכט־פֿאַרבלענדט;
גראָז און בלום און בוים — פֿאַרברענט;
בין זשומט, שווינדלט, קויל צעגליט;
חש־ביבם גלוסטונג — ווילדע — בליט;
ער קלעטערט פעלדז אויף שטראַלן־לייטער,
שפּרינגט אין ים, אויף פּאַליעס רייט ער;
שיכור־לוט, נאַר אָן געטראַנק;
דעם תמוז־פּרינץ — אַ וואויל־געשאַנק;
זיין קופּער־לייב באַיוננגט, באַפרייט;
פון מנימנם יאָך — צו מנינם פרייד!...

שקיעה־צייט ווערט חש באַרוט;
ווען האָריזאָנט באַוויינט מיט בלוט
די טויטע זון, די יונגע שטערן,
יערט־אויף אין ברוסט אַ ניי באַגערן;
וועגוס שפּרייט איר זילבער־נעץ,
לבנה כישופט — מעשה־לץ —
אַ בענקשאַפט, דין, אויף נישט צום שטילן;
אַ קנעכט צום ליכט — פֿאַרשקלאַפט דער ווילן...

אין במאַרנע טעג פון דינעם רעגן,
זינדיקט חש פון רגילות וועגן.
אין הייזלעך קרום, אין געסלעך בלאָטיק,
טרעפן זיך די יונגע מתקם.
מע שעפּטשעט קוים, מע זינגט באַהאַלטן
דאָס ליד פון מאָרגן, פון מנין דעם אַלטן.
באַטש גראָ און קאַלט וויינט איצט דער דרויסן,
נאַרט דאָס האַרץ נאָכן ליכט, דעם גרויסן...

חש־חד, מנימן — אַ ווייסטער חלום.
חש־ביב, מנין — אויף אייביק שלום...
צבר־מתק זאָל ווערן דאָס לאַנד דאָס זיסע;
חש־חד בן חבד זאָל מען זעצן אין תפיסה!

חש־חד בן חבד זיינע שפּירהינט לאָזט פריי,
זיי וואַרפן אין תפיסה, שיסן מיט בליי,
פאַרשיקן אין גלות, פאַרברענען די ביכער,
רייצן דאָס פאָלק אויף די גריבלער און זוכער
פון געשטוינן־געפלוינן, לעסטערונג, כפירה,
חש־ביבס געזינדל, בן־אַינס חבורה.
ער רופט זיי צו תשובה, צום טיילן נדבות,
צום פשוטן דרך פון הייליקע אָבות.
בן יחבש, חבד, זיין אָנדענק איז הייליק,
האָט וועג אויסגעטראָטן אויף אייביק און אייביק.
די זינד איז באַגאַנגען נאָך אָדם הראשון,
די קללה פון קדמון קען קיינער נישט טוישן.
דאָ שטייט מען מיט ס״ם אין גראַנגל־מערכה,
מען מוז דאָ אָפּקומען אין עמק־הבכא;
ביז די סיגים געלייטערט, די קליפּות פאַרשווינדן,
די פונקען געזאַמלט, דער אור־גנוז געצונדן...

עס העלפן קיין רייד נישט, ווען טויב איז דאָס אויער.
עס שרעקט נישט קיין תפיסה, דער שומר ביים טויער.
די יונגע, זיי שטייען נאָך פעסטער אין בונט,
עס פלאַקערט מרידה, ווי פייער אין ווינט,
נקמה צו נעמען פאַר די וואָס ס׳פאַרלענדט
חש־חד און זיין סוויטע, די געדונגענע הענט.
יונגען פאַרלאָזן די היימישע וועגן —
עס לאָקט זיי די גלאָריע פון גבורה אַנטקעגן.

לער בלײבן הײזער, אָן יורשים די שטיבער —
עלטערנס הערצער װי לײדיקע גריבער.
אין דער לײדיקער חורבה װאָרקעט די טויב:
„צעטרענצלט דאָס לעבן אויף װיסטקײט און שטויב...״

חש־ביב בן אַין קערט־אום זיך געהײם,
באַהאַלט זיך אין װעלדער, אין הײלן פון לײם;
ער זאַמלט אַרום זיך די יונגע גבורים,
נערודפט פון חש־חד, געלײנטע אין חרם;
די האַרבע נזירים, פאַרקנסטע צום שטורעם,
פאַרליבטע אין מאָרגן; זײ בױען דעם גולם
װאָס װעט זײ דערװאַרגן מיט זײער אײגענעם אָרעם.
צבר־מתק, געװױקט זיך אין אײגענעם בלוט,
ביז זינער־באַזינטע פאַרשמאַכט אויסגעשעפּט.
זיבן מאָל זיבן האָט לבנה באַדױערט
די מאַמע אין שװאַרצן, דעם יתום פאַרטרױערט.
צבר־מתק — צערײסן; אין צװײען צעשלעפּט;
אין מנין הערט מען סװישטשען בן־אַינס שפּיצרוט...

צִבּוּר־דָךְ — פּיצל־שפּליטער — שלעפּט װײטער דעם יאָך
פון צבר־מתק, בן־יחבש, און מחר בן תרח.
חש־חד בן חבד האָט גרױסע זכות־אָבות
חש־ביבן — װער סע פאָלגט — מאַכט אַ גרױסן טעות...
לאָמיר דָכלעך תשובה־טאָן, טון דעם בונד באַנײען,
ישועה קומט דאָך אומגעריכט, געשװינד, כהרף־עין.

די זקנים — באַקיטלט — מיט שפּראָץ אויף כעלות,
(װער פלײסיק, איז מקדים דעם טינטיקן חצות.)
זײ בוקן זיך כורעים, שלאָגן על־חטא,
שמײסן זיך מלקות אויף טשװעקעם אַ בעט,

פאַלן בײַ תחנון, שיטן אַש אויף די קעפּ,
זיצן אויף דרערד, צום אָרון די טרעפּ,
ציען־אָן זאַק, רײַסן זיך קריעה,
בלאָזן אין שופר, טרײַבן שלאָף פון די וויעס,
פאַרמײַדן פון לײַב דאָס מינדסט עולם־הזה,
לעבערן הימלען מיט „מה־זה, ועל מה־זה?״
זאָגן־אָפּ ווידוי, געוויקטע אין טרערן;
(פון איין גזר צום צווייטן, די סליחות זיך מערן...)
„ניין, פאָטער אין הימל, צו אונדז דײַן געזיכט;
דײַן אײַנציקס, דײַן דד, דײַן צאַנקענדיק ליכט...
בא דודי, ידיד נפשי, קום ליבסטער, דערוואַך;
זינד וועגט שווער, זינד איז אײביק, זינדיקט קינד פון דער טראַכט.
פאַרשטויס נישט די תפילה, דאָס זיפצן, דאָס קרעכצן,
לאָז רוען דײַן שכינה, כאָטש טמא די לעפצן.
לײַטער־אויס — ריין פון זינד — דאָס האַרץ וואָס אָפּטריניק;
דערבאַרעם זיך, טאַטע, אויף דײַן דד, דײַן מוזיניק.
געליבטער טאַטע־קרוין, פאָטער, אַב־הרחמים,
ראה, אַז באו מים... אומדערטרעגלעך די יסורים...
צו דיר מיר צילן, שטרעבן, אל רחומניו, וצדיק,
אויף דיר זיך מוסר־נפש, אָן דיר, נאָר, זיך מתדבק.
דו, וואָס יעדן חלל, דײַן כבוד איז ממלא,
למה עזבתנו, אין אָפּגרונט, אלי, אלי.
מיר זענען, טמא־זינדיק, דײַן צאָרן נישט אַנטרונען;
דאָס האַרץ איז הויל און ליידיק — קערסט־אָפּ פון אונדז די שכינה.
דערבאַרעמדיקער פאָטער, דאָס געבעט נעם־אָן,
פיר אונדז צו דײַן משכן, דײַן מקדש פון אײביק־אָן.
אל, שופט־כל ודין, וואָס מַמָשט יש מאַין,
די בענקשאַפט, אין לשער, זאַמל אין דײַן שיער.
ווען־שוין טוסטו דרעשען רשעים — ווידערשפּעניק,
באַשירעמען מיט חסד די וואָס — אונטערטעניק?

מיטן עמוד־הענן באַשיץ אונדז, מיטן עמוד־האש באַשיין אונדז;
זאָלן ציטערן די כופרים, מיר קלעבן אָן דיר, פאָטער, **גאָט**!...״

מנין באַנייט, באַפרייט, יאָ, גליקלעך!
ס׳זאָל אַנדערש זיין איז גאָר אוממיגלעך;
אַזוי האָט באַפוילן דער געטלעכער אַין:
„ביינינך איז מען פריילאַך... און ניש פין יין!...״
אַנדערש, ליינן נאָר פאַררעטער;
אַזוי טיט מען שראַבן אין זייערע בלעטער.
חש־ביב טיט אָפּוואַרטן דעם שעת־הכושר
ווען מיט די בונדים צי לערענען יושר...

מאַניער — כלפּי־חוץ — איז איידל, פּריציש:
האָניק־צינגל, שפּראַך — מליציש.
צום פאָלק־מנין גרילצט פאַררריסן:
„דאַנקט חש־ביב פאַר יעדן ביסן!
ווער פאַרבייט האַרט־שטיין אויף ליעם?
ווער געבראַכט האָט אייך דעם נס
פון הבל־לאָם צו ווערן קין?
הוראַ און הויך — חש־ביב בן אַין!
ווער מינירט אייך קוילן, נאַפט?
ווער קערט־אום מנין די קראַפט?
ווער באַנייט, דערפינדט המצאות?
ווער פאַרמיידט פון אייך אַ טעות?
ווער באַזאָרגט אייך מיט כלי־זין?
חש־ביב בן אַין! חש־ביב בן אַין!״

טינטיקע נעכט ווען הימלען קלאָגן —
הענט דורך גראַטעס, פויסטן שלאָגן
ווענט טויב־בלינדע; ברענט אַ קללה,

צערייסט די הימלען אַ יללה:
„דו גאָט, וואָס צינדסט נקמה,
זע נאָר, די נשמה
צאַפּלט קוים אין גוף,
הער זשע אונדזער רוף:
ביז וואַנען וועט חש־ביב אונדז טרעטן
ווי די ווערעם פון די בייטן?
דערשיין, אל־קנא, דיין גזר אַנטפּלעק,
גיס־אויס אויף אים דיין צאָרן־שרעק.
שוועב מלאך, שוועב, אַנטבלויז דיין שווערד,
זאָל צוקן תהום, זאָל טרייסלען ערד!...״

פּעט דאָס קאַלב, דער פּאַסטעך גראָב,
זאַפּטיק גראָז, פול שמאַנט דער טאָפּ,
בין שמעקט האָניק, קערט אַ וועלט:
ווער שפּיט קלעק אויף אַ טייסטער געלט,
וואַגט לעסטערן דעם פּרינץ?!
תמוז בענטשט וואָס אים איז טייער,
באַזאָרגט מיט שפע, אַ פולן שייער.
בייטשט מיט נויט און הונגער־פייער
חש־ביב שעלטער, און דך־באַנייער,
נישט־פאַרגינער און מנין־פיינט;
אַ שאָד, וואָס זון אויך אויף זיי שיינט.
אַ שאָד, וואָס ערד טוט זיי דערטראָגן.
הלוואי וואָלט תמוז זיי טויט־געשלאָגן.
הוראַ און הויך חש־ביב! הוראַ און הויך חש־ביב!

שלאָף ווייכט חש־ביבס אויגנלעפּל,
ער וואַנדערט בלינד ווי אין אַ נעפּל;
וואָס טוט מען מיט נישט־פאַרגינערס,

עוולות־זוכער, חלומות־שפּינערס?
כּיי דערפינדט מען אַזאַ זאַפּט
וואָס מאַכט געליימט, נעמט־צו די קראַפט
בּיי אילע די וואָס ווידערשפּעניק,
ענדערט זיי אויף אונטערטעניק.
דאָס צעבּרעכט מרידהס געניק —
צופרידנקייט און רו אויף אייבּיק...
אייבּיק שמאַנט און אייבּיק האָניק
אין אַ חלום מאַנאָטאָניק;
דערווייל — געקניט! איצטער דאַנק —
פאַרן גליק, דאָס גרויס געשאַנק:
פאַר מסכים־מח, פאַר זאַטן בּויך.
די בּיטערניש פאַרשווינדט ווי רויך:
פרעס און קני, קיי ווי פיך,
דאָס איז מענטש — זיין העכסטע הייך!...

טינטיקע נעכט ווען הימלען טון קלאָגן,
שאָטנס בּיי ווענט — אַ נישט־דערזאָגן,
אַ שעפּטשען פאַרטויבּט פון בּיימער־גערויש:
„חי וקים — חבד בּן יחבּש!
פאַלש איז חש־בּיב; שקר — בּן־אַין:
פאַרשענדט דאָס געשטאַלט מיטן צייכן פון קין.
אַ מענטש איז געבּוירן, בּאַשאַפן בּצלם;
חבד וועט צעשטערן דעם ליימענעם גולם.
אויף געטלעכע לאָנקעס וועט ער אונדז פירן;
ער וועט אונדז דערהייבּן, בּאַשיינען, אויסצירן
אין שיינקייט — מלאכישער — קיינמאָל געזען
פון מענטשלעכן אויג; אויף ערד נישט געשען:
צו הערן מלאכישן פליגל־גערויש
בּאַגלייטן דערלייזער — חבד בּן יחבּש...“

זאַטער בויך און טויבע אויער'ן —
ווי לאַנג עס נעמט! עס טוט געדויער'ן
ביז־וואַן מנין טוט קוים דערהערן
דער ליבשאַפטס קול דערלייזט צו ווערן...
נקמה־לוסט טוט נישט פאַרזאַמען
ביי די פאַריאָגטע אויפּצופלאַמען.
די הימלען פאַרבט אַ העלישע שנאה:
„גאָט, וואָס טוסט געבערן קנאה,
ווי גוטס — טאָג־טעגלעך — טוסט באַנייען,
צעשטויב מנין און חש בן אַין!"

וויסנשאַפט. יאָ, וויסן שאַפט אויך אויף באַשטעלונג,
היילונג, ווײַלונג, און צעשטערונג;
מיר דינען רק דעם ריינעם וויסן
— חס ושלום גאָרנישט אויסן —
אַ פליג אויף וואַנט ווע'מיר נישט רירן;
מיר גייען נאָך וואו ס'טוט אונדז פירן
די ריינע פאָרשונג, נישטער־פרייהייט,
דאָס איז הייליק. זיי שווערט מען טרייהייט.
אַחריות, רעזולטאַט, געווויסן,
קער זיך נישט צום ריינעם וויסן.
חורבן, קאָנסעקווענץ־היוצא,
'שטאָ רבותי, צו דעם קאַנייצע.
דאָס, די דאגה פון רעגירער,
פּאָליטיקער, פאַרטיינע פירער.
וואַרפט עס נישט אויף אונדזער פּלייצע!
דעם וואָנן פירט ווער ס'האַלט די לייצע...

אין חשבות־נאַכט ווען הימלען קלאָגן,
אַטאָם־רעאַקטאָר האָט צעטראָגן

די צאַם־קאָנטראָל פון הפקר־קראַפט.
די קעל פון שאול שלינגט ווינטן לופט,
צוננגען פלאַם לעקן רויך,
בליצן־שלאַנג צעזעגט די הייך;
עם טרייסלט פונדאַמענט פון תהום —
די זון פאַרבלענדט די אַטאַם־שוואַם.
מנין — צו שטויב. פאַרמעקט דער נאָמען.
דך — דערבײַ — אַ שארית־זאָמען:
אַ גליאָוניע, רויכענדיק אין אַש
אַ צייכן — רוי — פון שדים כעס...

אין טינטיקע נעכט ווען הימלען קלאָגן;
די ביימער — אבלים — פון רעגן נעצוואָגן;
די זקנים — באַקיטלט — מיט שפּראָץ אויף כעלות,
(ווער פלייסיק, איז מקדים דעם טינטיקן חצות.)
זיי בוקן זיך כורעים, שלאָגן על־חטא,
שמייסן זיך מלקות אויף טשוועקעס אַ בעט,
פאַלן ביי תחנון, שיטן אַש אויף די קעפּ,
זיצן אויף דרערד, צום אָרון די טרעפּ,
ציען־אָן זאַק, רייסן זיך קריעה,
בלאָזן אין שופר, טרייבן שלאָף פון די וויעס,
פאַרמיידן פון לייב דאָס מינדסט עולם־הזה,
לעבערן הימלען מיט „מה־זה, ועל מה־זה?"
זאָגן־אָפּ ווידוי, געווייקטע אין טרערן;
(פון איין גזר צום צווייטן, די סליחות זיך מערן...)
„ניין, פאָטער אין הימל, צו אונדז דיין געזיכט;
דיין איינציקס, דיין דך, דיין צאַנקענדיק ליכט...
בא דודי, ידיד נפשי, קום ליבסטער, דערוואַך;
זינד וועגט שווער, זינד איז אייביק, זינדיקט קינד פון דער טראַכט.
פאַרשטויס נישט די תפילה, דאָס זיפצן, דאָס קרעכצן,

לאָז רוען דיין שכינה, כאָטש טמא די לעפּצן.
לייטער־אוים — ריין פון זינד — דאָס האַרץ וואָס אָפּטריניק;
דערבאַרעם זיך, טאַטע, אויף דיין דך, דיין מוזיניק.
געליבטער טאַטע־קרוין, פאָטער, אַב־הרחמים,
ראה, אַז באו מים... אומדערטרעגלעך די יסורים...
צו דיר מיר צילן, שטרעבן, אל רחומניו, וצדיק,
אויף דיר זיך מוסר־נפש, אָן דיר, נאָר, זיך מתדבק.
דו, וואָס יעדן חלל, דיין כבוד איז ממלא,
למה עזבתנו, אין אָפּגרונט, אלי, אלי.
מיר זענען, טמא־זינדיק, דיין צאָרן נישט אַנטרונען;
דאָס האַרץ איז הויל און ליידיק — קערסט־אָפּ פון אונדז די שכינה.
דערבאַרעמדיקער פאָטער, דאָס געבעט נעם־אָן,
פיר אונדז צו דיין משכן, דיין מקדש פון אייביק־אָן.
אל, שופט־כל ודין, וואָס מַמֶשט יש מאַין,
די בענקשאַפט, אין לשער, זאָמל אין דיין שייער.
ווען־שוין טוסטו דרעשען רשעים — ווידערשפּעניק,
באַשירעמען מיט חסד די וואָס — אונטערטעניק?
מיטן עמוד־הענן באַשיץ אונדז, מיטן עמוד־האש באַשיין אונדז;
זאָלן ציטערן די כופרים, מיר קלעבן אָן דיר, פאָטער, **גאָט**!..."

אונטער בלייענע הימלען און גאַזיקע טשאַדן,
ראַטשקעט זיך בַּת־דָּךְ, לאָזט סלאָטיקע שליאַדן
אויף שלאַנגיקן וועג צום קוועליקן וואַסער:
„ווען־זשע, הוי מָתַי, קומסטו מְבַשֹר
תחית־המתים און גאולה לְבַשֹר?"

ווי כמאַרעס, נאָך רעגן, צעשויבערט פון ווינט,
צעקעמען די שטראַלן — אַ זוניקער שרונט —
באַשמייכלען די גאַסן מיט אַ שײַן מאַט און קראַנק,
בני־צבור, פאַרבענקטע, מיט אַ האַרץ וואָס טוט באַנג,

צעלאָזן אין האָפונג דעם פּחד, די פּיין,
קייקלען פון ברוסט דעם וואַרגיקן שטיין;
עם כוואַליעט דאָם האַרץ אַ פּאַליע, לייטזעליק,
כל־עצמותם טוקט זיך אין רחמים, פאַרגיביק;
חרטה לאָזט לויטער, תשובה מאַכט ריין:
אַ קוואַל פון מתיקות, אַ קוש ביז אויסגיין...

פרייד בלעזלט־אויף ווי וואַסער אין קוואַל,
פון לעפצן גייט־אויף דאָם געזאַנג מיט אַ שאַל:
„אַ מענטש איז געבוירן, באַשאַפן בצלם.
חבד וועט צעשטערן דעם ליימענעם גולם.
אויף געטלעכע לאָנקעם וועט ער אונדז פירן;
ער וועט אונדז דערהייבן, באַשײַנען, אויסצירן
אין שיינקייט — מלאכישער — קיינמאָל געזען
פון מענטשלעכן אויג; אויף ערד נישט געשען:
צו הערן מלאכישן פליגל־גערויש
באַגלייטן דערלייזער — חבד בן יחבש...
חבד בן יחבש חי וקים! חי וקים חבד בן יחבש!"

חלק ג

פראָפעסאָר גרין איז נמאס וויסן

כי ברב חכמה רב־כעס ויוסיף
דעת יוסיף מכאוב. (קהלת א׳:י״ח)

אָקטאָבער נאַכט — דער הימל קלאָגט;
באַווײנט די ווענט, די ביימער צוואָגט;
פלאַטערט בלאַט אויף שלעפ פון ווינט,
פאַלט ביים זייט פון טרעטאַר, שווימט,
דעריאָגט אַ הורבע בלעטער־שיימעס
צום רינשטאָק־שטאַרץ פאַרשלעפט, געמעיתט.
רינווע זשאַווערט, פליוכעט, פליושקעט;
שטאַלטנע ביימער שאָרכען, שושקען,
האָרכן צום געוויין פון פליושטש
אויף קעמפּוס־וואַנט, אויף מאָביק פליוש.
לעמפלווינקט; פאַרהויכט די שויבן;
בעזעמט שפריי פאַרטייעטע טויבן;
דער אומעט טאָטשעט באַנג, צעצוינגן;
פלאַטערט האַרץ; קוקט צער פון אויגן.

קאָרידאָרן, אינעווייניק,
גענעצן — אַ מויל־אָנצייניק;
טאָוולען — מאַט פון קרייד — אין דרימל;
צייכנברעטער — אַ געזעמל —
שמייכלט וויסיק, ווינקט אויף בלאַט,
מיט שפּאָגל־לעצטן רעזולטאַט...
צעשויבערטע לייט אין לאַב.־כאַלאַטן,
אַ באַד, געוועש, וואַלט ביידן נישט שאַטן;

הויזן קלעבן, לאָקן — שוויסיק;
ליולקעס פּיפּקעס — מען שמוסט דאָ עסק:
סינמאַ, אָמעגאַ, און פּסיי,
אינטעגריר, צעטייל בײַ פּיי,
דו פירסט־אַרויס, עס שטייט אין קאָן,
וואָס רוסלאַנד ווייסט פון מייסטער־שפּיאָן...

פּראָפעסאָר גרין — דאַר, קורצזיכטיק,
ליפּן בלאַס, די הויט — געלזוכטיק;
מאָגן קרענקלעך, אַ זויערע מינע,
דאָס אַלץ — זאָגט ווײַב — ברענגט קנאה־שנאה,
דעם דעפּאַרטמענט־הויפּטס נישט־פאַרגינען.
איצט איז ער עלנט, אינגאַנצן אַליין,
קען נישט פאַרטראָגן, נישט אויסשטיין,
דאָס פּלאַפּלען, די שטותים פון זיינע קאָלעגן,
עורבא פּרח, פּוסטע פראַגן.
ס'באַפאַלן אים ווערטער ווי די בינען,
סם אויפן מאַרך, גיפט אויפן זינען:
קאַסטראָ... קובע... כרושטשעוו... דזשעק...
עס שווינדלט פאַר ד'אויגן אַ שוואַרצער פלעק.
שאול האָט אויפגעפּראַלט זיין מויל
מיט מיסילס־שרעק, ראַקעטן־גרויל...
וואָסער זין האָט פאָרשונג איצט?
ווער־זשע דאַרף, און וועמען נוצט
די קליקע־קלוג, די חברה־וויסער,
די־ערד־אויף־פּיטשינקעס־אויפרייסער?
נעבײַ קען ער, זאָל זיין עס אמת,
צערייבן זיי ווי אַ מערן־צימעס.
הלוואי קען ער, האָט ער די מאַכט,
אויסבלאָזן ווישן ווי אַ וועקסן־ליכט.

מי יתן, אַז פֿון זייערע קעפּ
זאָל דאָס גאַנצע קענטעניש זיין אויסגעוועפּט...

פּראָפעסאָר גרין — פֿון לערנען קראַנק —
ס'טוט זיך חשך אין זיין געדאַנק;
שטערן פיבערט: 'זאָרנס לעמע',
'פּעאַנאָ־אַקסיאָם' — אַ דילעמע —
צי זאָל ער רוען אין 'הילבערט־ספּערעס'
צי מיט מעטרעסעס פירן אַפּערעס.
אַנטרינען שנעל פֿון 'צעשפּליטערטן פעלד',
אָדער קריכן ווי אַ וואָרעם אין 'רימאַנס פיל־פאַלד'.
נו טאַקע, אין פלוג, אויפֿן אָרט, ווער וויס...
דאָס לייב, געוויקט אין קאַלטן שוויס,
איז כאַרוועך צו שטילן אין 'מעביוס־באַנד'.
אַ געשאַנק פון גאָט, אַ גאָב — לייטזעליק —
אַ רפואה אָנגעברייט, און נישט צופעליק,
דאָרט שטערן אָפּקילן, דאָס האַרץ פאַרהיילן. —

גאָט... גאָטס־געשאַנק... וואָס לאָזסטו אונדז הערן?
דאָס קען די פאַרדייאונג ביי קלוגע צעשטערן...
נו יאָ, דער אַפּטייקער, דער גרויסער בעל־שכל,
— „אַספּירין, קאַלטער שפּריץ" — פּעטע גוידערס צעשמייכלט.

פֿון לערנען קראַנק — פּראָפעסאָר גרין;
עס שלאָגט די שלייף, עס האַמערט פּיין,
עס נאָגט ביים האַרץ אַ בענקשאַפט דין:
אויף חשבות־זייל — אַ זוים זונשיין.

נישט די שוואָם, אַז ווי און ווינד,
איינשטיין־שילאַרדס מח־קינד,

טערמאָיאָדערדיקער חלף,
פֿון תּוו בּיז אַלף שרפֿעט שרף,
אַלץ איז חרוב, אַלץ מטורף.
ביין פֿון מאַרך זיי טון צערייסן;
בּלוט, געהירן, זיי צעשמייסן
אויפֿן אוניווערז...
ווי נישט ציכטיק, נישט פּרעציז,
הערן ווייסנריז...

שעמען זי זיך, פֿליז!
שעמען זי זיך, בּים!

בּין איך יאָ? אָדער בּין איך נישט?
כ׳פֿלי ווי פֿאָד? איז אַלץ פֿאַרווישט?
בּין איך — אַ לונאַטראָפּיש אייזל?
אַ צדיקל? אַ שעיר־לעזאזל?

אויב ׳צדיקל׳, דאַן מיינסטו הייליק...
איבּערערדיש, פֿון גאָט אַ חלק...
׳איבּערערדיש׳... וואָס הער איך? ׳גאָט׳?
בּיסט אויסגעשטעלט צו גאַל און שפּאָט
פֿון אילע איפּעם־קעפּ אין לאַנד!
נו יאָ, דער שמייכל, אַפּטייקערס שמייכל:
„אַספּירין... און... מלכה־אייכל..."

פּראָפֿעסאָר גרין — צעקריגט מיט זיך;
עס גלאַנצט צו אים פּסיכיאַטערס פּליך;
קען ער אים דען העלפֿן, היילן,
צונויפֿצונייען שפּליטער־טיילן?
עלעקטראָ/עדיפּוס קאָמפּלעקסן,

פון 'ליבידאָ' און 'איד' דאָס לעכצן,
צענזור אויף חלום־וואונטש, פאַרוועלעכץ,
פרוידס, ר' זיגמונטס, תורה, קנעלעכץ:
פונעם פינגער אויסגעזויגן
פסעוודאָ־וויסן, גאַנצע סטויגן.
אַן עוקץ מאַרקס, אַ טרערל פרויד,
אַ ביסל באָר, פאָן־בראַון אַ שרויט,
אַן איינשטיין־וויץ, אַ בובער־טראָפּ,
דו ביסט דער פערשטאָטס איפעס־קאָפּ! . . .

ווידערשפעניקט פאָטערס גלויבן,
נעגעסן פרוכט פון עסיק־טרויבן,
דעם טעם געזוכט, דעם תוך, די סיבה,
געפאָרשט, גענישטערט און געגריבלט,
געקעמפט, געפלאָנט פאַר ריינעם יושר —
אַלץ אומזיסט... דער שעת־הכושר
איז פאַרשוואונדן ווי אַ שטרוי אין פלאָם:
לינט דער יושר אָפּגעשונדן,
דאָס לעבן רינט אָן טעם.
זאָגט מאַרקוזע — נייער לינקס —
„גלייב אין מאַרקס פלוס פרויד!”
שפעט אַ לץ אין ווידערקול:
„עֲבַר־זְמַנִיק זיינען זיי,
עֲבַר־זְמַנִיק, טויט.”

„נישט געשטויגן, נישט געפלויגן,
באַרויבט, באַשפּיגן, אייער גלויבן.
איך בענק, איך לעכץ צום עליון, אויבן,
וואָס הייבט דעם אביון פון די שטויבן.
פון יחבש, מיין פאָטערס שטאַם,

ער ציט צו גאָט, ווי מאָיל צו פּלאַם.״

׳פלאַם׳ און ׳שטאַם׳, ׳מאָיל׳ און ׳גאָט׳,
שטעלסט זיך אויס צו גאַל און שפּאָט
פון אילע איפּעס־קעפּ פון לאַנד.
נו יאָ, דער שמייכל, דעם פיזיקס שכל:
„פרישע לופט... און... פריילעך־פילכל!...״

פראָפעסאָר גרין איז נמאס וויסן;
פול צו להכעים, האַרב פאַרביסן,
שפראָצט ביי אים אַ מייסטער־פּלאַן:
אויפצוהעצן דעם ׳גרויען־מאַן׳
צו רעוואָלט, צו שרייען: „האַלט!״
צו דער קליקע ׳איפּעס־קעפּלעך׳,
די המצאות און קלוגע שטיקלעך,
וואָס טרייבן וועלט צום מויל פון תהום —
טערמאָיאָדערדיקע שוואָם,
קייט־רעאַקציע פון אַטאָם...

„וועמען ווערט דאָס האַרץ פאַרקלעמט?
ווער — פון קינדווייז — ווערט פאַרשעמט?
וועמען פרעגט מען נישט קיין עצות?
ווער מוז טראָגן אויף זיינע פּלייצעס
די אַלע נאָוואָמאָדנע חפצות,
וואָס רויבן פון זיין מויל דעם ביסן,
די קאָמפּיוטערס, די פרוכט פון וויסן?
ווער וועט פאַר דער זינד נאָך געבן
— אָן זיין שולד — זיין לייב און לעבן?
איר באַרויבטע, איר פאַרפירטע,
שיינע, ריינע, קליינע מענטשן;

איר ערלעכע — מען דאַרף אייך בענטשן —
שטייט־אויף, צעשטערט די וויסן־נעסטן!
פאַרטרייבט פון לאַנד זיי, ווי די פעסטן!
אין פראָסטע הענט פאַרטרויט די מאַכט!
נאָר שוואַכע ווערן אויסגעלאַכט!
באַשטייט אויף אייערס — בלוט מעג זיך גיסן —
גאָרנישט צו פאַרלירן נאָר געבענטשטן אומוויסן!..."

פּראָפעסאָר גרין זיינגט זיך אונטער:
„עס קומט דער פרילינג, אַוועק דער ווינטער;
אַ האָפונג שפּראָצט פון מייסטער־פּלאַן,
אין רעוואָלט פון 'קליינעם מאַן'."

האָפּקעט ער מיט פיינגל־טריטלעך
צו דעם שומר וואָס וואַכט געמיטלעך
ביי דעם טויער פון וויסן־נעסט:
„הערט, ר' שומר, אָט־די פעסט
פאַרשווינדן מוז ווי רינגל רויך."

— „ר' הער פּראָפעסאָר, רעשט ניט הויך"
„דער כצל־תומר" — ענטפערט שומר —
„לערנט גלייך אַ קל־וחומר
און פאַרשלעפּט אין קוטשעמעטע.
אוים ביי אייך מיט יאָרן פעטע.
וואָס איז דאָס מיט אייך, זאָגט, וואָס זשע;
איר פאַרגינט ניט, אַז מיין בוזשע
זאָל ווערן וויסנריז, פאַרריסן,
זאָל אויך פאַרזוכן גוטן ביסן?
איך פריר אין פראָסט, ווייק אין רעגן,
עס לאָקט דאָס גאָלד אין רעגנבויגן.

קומען וועט אַ מאָל די רייע
דערקלעטערן צו מאה־דעה..."

דער פּראָפעסאָר בּרומט זיך אונטער:
„שׂכל דאָרט וואו ס'איז די מאה,
וויסן דינט דער מאה־דעה —
וואו זשע נעמט מען די בּאַנייער,
די וועלט־פון־וויסנשאַפט־בּאַפרייער?
קען מען דען דעם נאַר געטרויען?
קען אַ וועלט אויף אים זיך בּויען?
שׂכל־דעה — בּייז געקעכטס;
נאַרן־דעה — ערגער שלעכטס.
וואָס טוט זיך אין מיין חלום?
עס הערשט דער עולם־גולם?
זינדיקע קאָשמאַרן
בּיים נאַר פון אילע נאַרן..."

זאָגסטו 'זינדיק', מיינסטו 'גאָט',
שטעלסט זיך אויס צו שאַנד און שפּאָט
פון אילע איפּעם־קעפּ אין שטאָט...
נו יאָ, דער שמייכל, דעם פיזיקס שמייכל:
„דזשין און אַספּירין אַ פּילכל,
דאַמע פיק און מלך אייכל..."

האָפּסלט דער פּראָפעסאָר ווייטער
אויף דער כוואַליע, דער פאַרשייטער,
פון דער צייט; שווימט ער, זעט ער:
היפּים ווי נזירים יונגע,
(די טאַטעס גבירים...) שאַרפע צונגען
שפּייען קלעק, פאַרלאָזן היימען;

באַצירט די קעפּ מיט קראַנצן בלומען,
זיי בויען רעכטפאַרטיק קאָמונעס.
ווײַל ער מאַכן שהחינו,
ווערט די כוואַליע באַלד פאַרשלונגען
פון דראַקאָנען, הפקר־יונגען,
מיט קדמון־חוצפּה, ווילד און רוי —
פון דער דזשאָנגל דער געוואָי.
ברענט קאָלאָמביע, בלוטיקט קענט;
די גאולה נישט אין זיי געווענדט.

פּראָפעסאָר גרין טרייבט בייזן חלום,
דעם קאָשמאַר פון עולם־גולם,
עולם־פאַלש, היפּים, ייפּים;
פון יאוש־צער קוים ער זשיפּעט.

פּאָטערס סילועט שוועבט ביי,
מיט ווערטער ברית — צעלאָזן בליי:
„פאַרלאָזן הויז, אָן־יורשים שטוב,
טאַטעס האַרץ אַ לערע גרוב,
אין לערער חורבה וואָרקעט טויב:
'צעטרענצלט־לעבן, וויסטקייט, שטויב...'"

לויפט דער דאָקטאָר, רייסט־איין קברים.
פאַלט ער צו צום פּאָטערס ספרים
ווי אַ דאָרשטיקער צום קוואַל.
שניידט די חשבות־שרעק אַ שטראַל,
קוועלט פון דאָרט אַ זאַלב — אמונה;
וואַרעמט ליבנדיק די שכינה,
היילט צעפּייניקטע נשמה,
הילט אין טלית פון נחמה.

שוימט חרטה איבער ברעגן,
מחילה ווײנט אויף תשובה־וועגן.

קען דאָקטאָר גרין, פון פרעמדער הייך,
אַהיימקומען צו צבור־דיך,
אויסגעשפּאַנט פון מערב־כאָמעט,
הויזן שוין מיט דיך אויף תמיד?

נשמה ציט. טרער בּריט די באַק.
דעם מאַרך פרעסט דער ראַציאָ־ראַק.
געפּענטעט אין דעם ווײסן־יאַק,
גאַרט ער אָפּוואַרפן דעם פּאַק
אויף שלווה־שוועל, אַנטרין־געצעלט;
אויסקלאָרן ווירוואַר, מיש־מאַש. —
טאָטשעט אים אַ ספק, קוועלט:
טליעט נאָך דער פונק אין אַש? . . .

חלק ד

פּראָפעסאָר גרין גייט אַנטקעגן...

„ויאמרו הבה נבנה־לנו עיר ומגדל
וראשו בשמים ונעשה לנו שם."
(בראשית, י"א:ד')

— ישסי בגימטריא: תה"ד (תּכֶּ"ה) + כוז"ו —

זילבערליכט אויף שטענגל — לבנה האַלט דאָ וואַך —
באַוואָקסן איז דאָס וועגל, אָפּגעניינגט פון שליאַך.
שוועבט די בלאָנדע מלכּה, באַגלייט דעם מידן גייער,
פאַרשטעלט זיך איין שפּיץ פּנים — קאָקעטיש — מיט אַ שלייער.
די וואָלקנדלעך, די פּוישן — באַלויכטן מאַט, אין דרימל —
יאָגן זיך אויף ווינטעלעך צו ווייטקייטן פון הימל.
שלענגלען נעפּלען זיך, און ציען; רויכלען ווי אַ פּאַרע;
גלעט די שלעפּ דעם קשאַק, דאָס גרעזל; הילט זיי איין אַ שליאַרע.

פינקלען דימענטלעך פון טוי. ווינקט די פייערפליג פון וואַלד.
הוקעט סאָווע: „גרויל און אומעט, די פינצטערניש באַהאַלט.
נישט־געשטויגן זוכסטו, גייער — דעם קוואַל, פאַרשטאָפּט מיט זאַמד —
גיי־דיר, טאָפּטשע, וועסט אָנקומען... אין נישט־געפלויגן לאַנד..."
פאַרשאַרצט לבנה שפּיץ פון וועליאָן, כאַפּט אַ בליק, פאַרגאַפט:
— „אַז אליהו טוט פאַרזאַמען, האָט דיין גאַנג קיין האַפט!...
אויף זיין בשורה מוז מען וואַרטן, אויף דעם שופר־שאַל.
ביי דעם בייג פון שטייניק שטענגל, אַנטפּלעקן וועסט דעם קוואַל.

„דאָך, וואויל איז דיר, וואָס טוסט נאָך זוכן — בלייבסטו ביי אַ ציל —
ווער סע האָט צום שפּיץ דערקלעטערט, ס'מאָלט אויף פּוסט זיין מיל...
'אייטלקייט פון אייטלקייט' — געזאָגט האָט נאָך דער חכם —

דער ענטפער צו דער רעטעניש, וואָס יאָגסט זיך תמיד נאָך אים.
דו נישטערסט עולם־סוד־און־קלאָר. זוכסט אים איבעראַל.
גיב לויב צו גאָט, וואָס מיידסט אים אויס — דעם ענטפער — ר׳איז
באַנאַל...
נאַריש — די דערקענטעניש. אַבסורד — דער חוש, דער שכל.
גלויב־זשע דווקא, **אף־על־פּי** רעב־גענעץ הערשט אין היכל...

„גיב זיך אָפּ דער פינצטערניש, טאַקע ווייל זיי לאַכן:
ס׳וועט ווירבלען דיך אמונה־בלינד צום שטראָם פון אַלע זאַכן.
וויסן וועסטו גאָרנישט, מענטש. ניט גערדאַכט — ׳פאַרשטאַנען׳.
פאַרשווינדן וועט דיין עוקץ־איך: צעלאָזט אין וועלטס ׳פאַראַנען׳.״
— סאָווע־שוואַרץ, לבנה־בלענד, ס׳איז טויב דער גייער־גלויבער
צו ווערטל־שאַרף, צו וואָרנונג־קלוג, צום ניכטערנעם צויבער.
ס׳האַלט געפאַנגען אים אַ דאָרשט — נאָך זינען — אַ מאַנקאָליע,
ציט ער ווייטער, שטאָמפּערט מיד — אומזיסט די מעלאַנכאָליע.

דאָקטאָר גרין — מחר ירוק — שטרויכלט שיכור, שלעפּט דעם עול,
בלייבט פאַרגאַפט ביים ביג פון וועג: ס׳ווינקט אַ סאַמעט־לאַן פון טאָל.
שטעכלדאָרן, צאָרנבלומען, הויפנס בראָכוואַרג, קרישל־טורעם,
זומען־אום די קעל פון קראַטער — איבערבלייב פון קדמון־שטורעם.
און דער קראַטער גלאָצט צום הימל ווי אַן אויג־לאָך אויסגערונען.
און דער פלייץ פון ליימיק וואַסער האָט אַ בעלמע אויסגעשפּונען.
יעדער ביין און גליד — פאַרמאַטערט; וואַקל־טריט, דער גוף —
פאַרציטערט;
האָפּקעט גרין אויף שטיין און דאָרן; גראַבלט לייב אויף שטעכלריטער.

קוים דערלאָפן, פאַלט ער כורעים; האַלט זיך שטייף ביים ליפּ פון
קראַטער;
לעקט דאָס וואַסער ווי אַ הינטל; שטילט דאָס האַרץ, וואָס פּויקט און
פלאַטערט.

רונצלען כּפֿלען זיך, פֿאַרשלינגען; כּישופֿן שוואַרצשאָטנס פֿון תּהום.
רייט אַ ריז פֿון אָפּגרונט — זיין פּרצוף איז צעקיילט מיט רויען שטראָם;
מיט שדים שוויבלט־אום — זיי שפּייען צו דער פֿלאַך פֿאַרגיפֿטן שאָם.
פֿאַרזעעניש, פּיפּערנאָטערס, שלאַנגען, אַנטלויפֿן פֿון דער בליצנדיקער
שוואָם.
קניעם בריען — זאַמד און פּריסיק; אָרעמס — שלאַבעריקע צוויטן;
ס׳וואַרפֿט אין שוידער; ס׳גלאָצט די אימה; פּחד שרעקט מיט
ווילדע טויטן.

וואַקסט אַ שאָטן־ריז אויף פֿלאַך; כראָמטשען טריט דעם זשוויר,
פֿאַרטרוקנט;
אַנגסט־באַגאָסן, טויט־דערשראָקן, קערט מחר זיך אום צום רוקן.
ווערט ער ביי זיך קליין־פֿון־קלענער, וואָרים ריז — מיט רויען שטראָם,
פֿון אויג ביז ליפּ, דיאַגאָנאַל — ווי נאָך אַ רעגן ס׳וואַקסט אַ שוואָם,
וואַקסט־אוים הויך, רייסט זיך העכער, גלאָצט מיט אויג וואָס רויט־
פֿאַרלאָפֿן,
ווי טויזנט נעכט שוין ניט געשלאָפֿן, ווי טויזנט שטורעמס נאָכגעלאָפֿן:
— „זעץ זיך אויפֿן שטיין, פּראָפֿעסאָר. וואַד, דו זאָלסט נאָר
ניט פֿאַרשלאָפֿן.
הער, די מעשה־שטות־און־גרויל, וואָס האָט אונדז, ריזן,
דאָ געטראָפֿן...״

קליינינטשקע מענטשעלעך, מיר זענען געווען:
געפּאַשעט די גענדזלעך, די קי, אין די גראָזן,
געבעטן אויף רעגן, אויף קוויקיקער ראָסע,
געשניטן דאָס היי מיט אַ שטשערביקער קאָסע,
געריסן די גליעבע מיט אַ הילצערנעם אַקער,
געבוקט זיך, גענייגט, פֿאַרן פּריץ אין פּיאַקער.
די כאַטעס, געפּינעט מיט מעך צווישן בעלקעס,
מיט שטרויענעם פֿאַרטעך, מיט שטרויענע שעלקעס;

פון שטרוי איז דער דאַך, די פֿויערשע לאַפּטשעס.
רויך שמאַרצט די אויגן; אויך גלחישע סטראַפּטשעס,
וואָס קייקלען אין באַטע זייער פֿעסלדיק לייב,
אָפּשוימען דעם מעשר, אַ קניפּ טאָן דאָס ווייב,
אַ גלאָץ טאָן צום הימל, אַ זיפֿץ טאָן, אַ לויב,
אַ שרעק טאָן מיט שדים, מיט בראַנד און מיט רויב,
מיט גלגול אויף אייביק, מיט פּריסיק און פּלאָג —
בורטשען אויף פּריץ, זאָל נישט וואַגן קיין באָס!

אום ווינטער, די הייזקעס, ווי שנייענע פּאָרטן,
באַמעליצט, באַפּלאָכטן, ווי חתונה־טאָרטן;
אַ שייבל פֿון בלאָנע, ווי בעלמעדיק אויג,
בלאַנקט קעגן זון, גלאָצט קעגן סטויג.
פֿאַראיינזאַמט אין פֿעלד, וואָס דומעט ביים וואַלד,
וואו עס ווידמעט געווילד, אומבאַרירט פֿון אוראַלט.
מיט־חודש: לבנה פּלייצט מילך פֿון אַ צעבער,
שימערט בלענד־כּישוף אויף דיונעס — גאָלד־זילבער.

ווייט פֿון אַ שכן, פֿאַרגעסן פֿון גאָט,
פֿאַרשיט אין זאַווייען, אויף וויוגעס באַראָט,
טוליעט זיך ענגער צונויף דאָס געזינד.
טאָטשעט דער אומעט. דער געהייל פֿונעם ווינט
שרייט איבער דעם יאָמער פֿון פֿאַרצוקיקע וועלף.
קניעט דער מענטש, שעפּטשעט: „גאָטעניו, העלף!"
דאָך, שפּיזלט די הויט. פּיין נאָלט דאָס האַרץ.
שווער דאָס געמיט — אַ טשוגונענע שטאַרץ.

באָטש ס'קנוילן זיך דראָענדיק פּעביקע פּחדים,
איבער דאַנק, שפּינט זיך ווייטער דער דרייאיקער פֿאָדעם
פֿון לעבן, אין לעבן פֿאַרהאָקלט. ווייל יערן,

אין לייב, טוט די גלוסטונג — פֿאַרפּלאַנצט — צו געבערן,
זיך צו מערן, צו להכעיס די שלעק און מגפֿות,
וואָס פֿרעסן דעם מענטשלעכן מין, ווי די שׂרפֿות
צעפֿלאַקערטע, זענקען, פֿאַרצוקן, דעם סטעפּ און דעם וואַלד,
ווען די בריאיקע בראַנד פֿון מיטזומער באַפֿאַלט.

כאַלופּקעס באַפֿינטלען פֿאַרוואָרפֿענע העקן,
אין כוטערס, אין דערפֿלעך, אין וואַלדיש באַדעקן.
אויף פֿליין, אויסגעשפּרייטן, שלענגלט רויך פֿון אַ קוימען:
אַ פּויער טרעט גאַרע, זייעט האָפֿונג מיט זוימען.
אַ פֿאַסטעכל דודקעט זיין בענקשאַפֿט צו לעמער.
אַ ברונעם — אַ באַטשאַן — פֿלייצט דערקוויקונג אין עמער.
יאָדלט פּליסאַק, אויף טראַטווע, דעם ווייַ צו דער טיף.
אויף כוואַליעס, צעשטורעמט, שפּרינגט — אַ שפּענדל — אַ שיף.

אין שטעטלעך — פֿאַרבלאָטיקט — ביים צווינגלען פֿון וועגן,
ביי טייכלעך, ביי טייכן, ביי שטראָמיקע שטעגן,
אין פֿאָרטן באַטורעמט, באַוואַכט און פֿאַררינגלט,
דרימלט דער גורל פֿון מאָרגן פֿאַרזינגלט
אין האַווען, אין שמייען, אין שוויים און אין מי,
ביי זעג און ביי נאַל, ביים שטעפּן גרוי־פּרי.
דערווייל קושט דער בולמישטש די האַנט פֿון וואויל־ריטער —
מינץ הויפֿנט זיך, יערט, געבערט מאָרגנס געביטער...

כאַליען כראַביעס און פּריצים אין הויפֿן, פּאַלאַצן.
זיי הוליען, און פֿרעסן, און זויפֿן, פֿון טאַצן
פֿון גאָלד און פֿון זילבער, פֿון קרישטאָלענע בעכער.
— זיי טרייבן דעם גענעץ מיט יאַמשענע פֿעכער —
אין אַטלעס און זיידנס, שעמיזן מיט שפּיצן,
בלאָנדע פֿאַרוקן, שירעמס צום שיצן,

פון זון און פון שטויב, די אײדעלע הויט,
וואָס גאָט האָט — בכבודו — דעם אַדל פֿאַרטרויט.

זיי כאָוועז אַרטיסטן, פֿאַיאַצן — צום פּלאַצן!... —
זיי טאַנצן פֿאַרטאָגן צום בראַזג פֿון די טאַצן.
עס שופֿרט דער האָרן; עס טרייסלט די ערד;
סקאַוואוטשען די הינט, גאַלאָפּירן די פֿערד:
ס'וויכערט ריטער אויף יאַגד — פֿעדער־הוט, פּאָפּערעק;
דעם ביזאָן און בעד צעווילדעוועט שרעק.
ווערט נמאס, זיין האָנער, שטעלט ער איין אויף טורנייען.
נאָך העכער־גערימט, זענען, שלאַכטפֿעלד־טראָפּייען...

קלויסטערס — זיי בויען — וואָס שפּיזן די הימלען;
סטאַטועס, פֿון בראָנז און פֿון קופּער, וואָס שימלען
גרין־ברוין, אויף די סקווערן באַזוימטע מיט בייטן,
מיט קרוינען געפֿלעכטן וואָס שעפּטשען צו קוויטן;
סאַטירן, און פּעעס, אויף גזימסן, געציקלט;
דערינען, די פֿרומקייט אין ווירעד געוויקלט;
מאַרמאָרנע פֿאַלדן הילן הייליקע לייט —
פֿאַרגליווערט, די אויגן, צו יענער זייט ווייט.

מאָנאַכן, מיט פּיס סאַנדאַלירטע, סוטאַנעס
וואָס לעקן די גראָזן, בלעקערצן גלויביק הושע־נא'ס;
פּאַטשענקעס ציילן מיט פֿינגער דין־שלאַנקע;
קרייטעכצער קלייבן; זאַלבן שווער־קראַנקע;
פֿליכן — לבנות, געצירקלט — טוען גלאַנצן;
שקלא־וטריא'ן, ציילן מלאכים, וואָס טאַנצן
אויף שפּיץ פֿון אַ שפּילקע אַ הימלישן פֿריילעכם:
— „צו גאָט — נאָר די שחקים! די ערד איז דעם מלכם!

דאָס לעבן, געצווינגן, ווי פֿון פֿערד אַ קאַרעטע:
עס שטראָמט די יצירה צו אין־סוף — דער מעטע.
אפֿילו, ווען קייקלסט זיך באַרג־אַראָפּ, שנעל,
עס שטופּט דיך נישט קיינער: עס שלעפּט דיך פֿון העל
סמאַל דער פֿאַנגער, וואָס שאַכערט פֿאַרראַט.
עס איז נישט גרונטפֿעסטיקט גאַליליים קאַזועמאַט:
צו סיבה, געקאָוועט, פֿאַרשקלאַפֿט — רעזולטאַט.
דער **ציל** ווינקט פֿון פֿאָרנט: **אָנטרייבער** — די טאַט!״

דעם פּויער, דעם יידליק, דעם נידריקן שטאַנד,
נישט איינגן קיין רצון, קיין בחירה, פֿאַרשטאַנד.
נשמות, פֿאַרסאַזשעט, ווי קוויטיקע ציך,
קויפֿט מען, און טוישט מען, ווי גיטער און פֿיך.
קאַטעווען, מיידט נישט! זשאַלעווען שמיץ,
טוט אַ לאַ־יוצלה, ווייכבייניקער פּריץ.
— זע, ס׳פּלעמלט די יוכע אין פּעבלישן אויג;
געהיט זיי! זיין שנאה טוט שרפֿען ווי לויג...

שטעטלעך יערן־אויף, רייסן־אָן שטעט —
געשוואָלענע הידרעס. אַ גיריק געוועט:
ווער וועט פֿאַרשלינגען גרעסערע פֿלעץ
פֿליוש־גראָזיקן לאַן? אָנפּרישטשען לישייען אויף קרעץ —
פֿאַרסאַדזשעטע גראַטעס, פֿאַבריק־קאַזעמאַטן?
פֿון טאָגן ביז חצות, פֿאַרריסטע וואַרשטאַטן
שלינגען־איין וואָל, שפּייען באַלנס געוואַנט
— מיט וועגענער, באַרקעס, צעשיקט — פֿאַרן לאַנד.

שאָף, אויף דער פּאַשע, שטאָפּן רענדלעך אין טייסטער.
— אַדעלישע יאַנדעס, מעגט איר מעקן פֿון רייסטער! —
אויף געדונגען קריש לאַנד, געבוינגן, דער פּויער:

שוימט פריץ שמאַנט־שפּע — שטשירעט הונגער פון לויער.
דאָס פּייערל, לייבקנעבט, וואָרצל־אוים ווי ווילדגראָז.
טרייב זיי פון ערד, ווי פון גאָרטן דעם האָז.
וואַרף־אונטער, ווי מיסט, ביי די שוועלן פון שטעט.
אין הקדש־וואַרשטאַטן, מאַנגל ביין ווי וויים גרעט.

צאָם, זיים דיר, נאָטס ערד — גרוים־אויג טוט דיך טראָגן:
שפּינמיל שלינגט וואָל — מוז דאָס גראָזלאַנד אָניאָגן.
מענטש־קרעט שיק גראַבלען, אין בויך פון די ערדן,
קוילן, און זאַלצן, און אַרצן פאַר שווערדן.
מאַשינמענטש — אין גרובן. מאַשינמענטש — סאָלדאַט.
פאַבריק פרעסט אים אויף — צעפּלעט אים האַרמאַט.
דערפינדט נאָך אַ מייסטער אַ טייוול אויף פאַרע —
שטיקן זיך שטעט אין פעך־רויכיקער כמאַרע.

מאַשינמענטש — מאַרכזיינער, מעכאַנישע לאָניק —
אַ קייקל געשטויסן, בלויז חומר־שווערוואָניק.
ווי צאָנראָד טוט צאָנראָד איינבייסן, באַהעפטן,
עפעקט שפּראָצט פון סיבה, טוט פירן געשעפטן
פון וועלט און געזעלשאַפט, באַוואוסטזיין און זיין:
חלומות און וואונטשן, אין אַרכיוון, פאַק־איין!
גאָט איז אַוועק, אין מוזיי, אויף דעמיסיע:
דאָס שוואונגראָד צעפלאָשעט די לעבנס־טראַנסמיסיע!

הער שאַצמאַרק, דער גאון, דער יידישער בענקאַרט,
באַוואָקסן, באַשוועגצלט, פון ווייבס צד — באַיונקערט,
דערקלערט די געזעלשאַפט: אַ פלאָדן פון קלאַסן!
ווי שיכטן אין שאַכטעס, געשטרייפטע אין פאַסן:
דאָס אייבערשט פון שטייסל — קענן אונטערשטע מאַסן.
אָנגעדרודלט ווי הענער, אוינן שרפען פון האַסן,

אַריבער מחיצה — טראַנסמיסיעס פלי־פּאַסן.
די מאַסע — משיח — פירט צום עדן אָן קלאַסן...

יאַשנין, אַ ליסער, פאַרזשמורעטע אויגן,
שאַצמאַרקם טעאָריעס קרימט־אוים ווי אַ בויגן:
בלוט שווענקט מיט בלוט! צדק און יושר טו שפּראָצן
אוים סטוינגן־אויף־סטוינגן פּנרים! עס גלאָצן
צו יאַשנין — דעם גואל — חמרים: צעפּיבערט,
פאַרהונגערט, פאַרגלייבט, עקסטאַטיש צערודערט.
אומשולדיק, צי שולדיק — מיט בלוט לעשט דעם צער!
דער צאַר איז געשאָכטן — זאָל לעבן יאַש־צאַר!

אַלט־אומרעכט צעשאָסן. רויט פלאַטערט די פאָן.
אויף הויפּנם שקעלעטן טורעמט נייער טראָן.
צאַר־יאַש קוילעט פּריצים, גבירים, מאַגנאַטן,
— פאַרטיילט נישט, חלילה, פאַרחלומטע יאַטן
דאָרשטיק נאָך גלייכהייט, נאָך פרייהייט, נאָך רעכט —
צו זען אינעם נאָענטסטן דעם מקור פון שלעכטס
פאַרזייט ער דעם חשד, דעם סמיקן האַס:
מאָרשט קעמפער זיין חבר אונטער שטיוול־אָפּצאַס...

צאַר יאַש קריינט זיך פּויפּסט פון רויט־מורדישן דין.
איבערן קוילעך פלעכט ער פלינק אַ געשפּין
פון מאָרד און אינטריגע, פאַרבלענדעניש־שפּיל.
פאַנגט ער, פאַרוועבט ער, באַעוולטע פיל:
רויט, רייצט דאָס אויג... דער אָקס שטויסט צעיושעט...
— „צדק און יושר — צו גרייכן — נאָר פשוט:
מע דאַרף בלויז דאָס פּעשל גוט איבערצוטאַשן;
שטייגט ׳**אונטן**׳ צום ׳**אויבן**׳, ווי אין לאַנד פון די יאַשן!"

אין לאַנד פון די יאַשן פאַרשענדט איז דאָס מויל:

׳הונגער׳ הייסט ׳זעט׳; „ס׳גליק כ׳בין!״ — שרייט גרויל...
סדומישע לאַניק: עלים אין שפּיגל...
דאָס לאַנד איז פאַרפרעגטעט אויף אייזערנעם רינגל.
פאַרשקלאַפטע, פאַרגלייבטע, בענקען פון ווייטנס.
גענאַר און פאַרראַט, זיי באַשערט פון פאַרצייטנס.
שפּיצלען און היצלעם ניוכען אין הויפן:
ס׳זאָל קיינער פאַרשטערן יאַשם פרעסן און זויפן.

„אַז מע שפּרינגט אויף דער רוק, שפּרינגט זי קריק.״ (שפּריכווערטל)

פאַראַן, אויפן קיילעך, אַ חושכדיק ערטל,
וואו סע פרישטשעט, זינט דורות, טשעריק אויף בלאָטער:
שוימט דאָרט אַרויף, אַף־שטן, דער טאַטער.
ער האָט אַ רפואה צום קאַמף פון די קלאַסן:
ראַסע, ריין־ראַסע, פאַרצוקט אַלע ראַסן —
מע דאַרף בלויז צעבלאָזן די שרפה פון האַסן!
מע דאַרף נאָר צעבויטען די „פעלקישע״ כוואַליעם:
„ריין־ראַסע, ריינראַסע, ריינלאַנד, איבּבער אַלעם!״

„קאַפּאַבל אויף יאַשנינס, אויף שאַצמאַרקס, קאַבאַלן,
זענען נאָר **דכלעך** — שאַרפקעפּלעך! שאַקאַלן! —
אויף לויער: פאַרצוקן בלאָנד־געטלעכן העלד;
צו שטרויכלען, אין פאַסטקעס, ריינראַסישע וועלט!
דאָס קויטיקע אומפלייט! אונדזער בלוט, זויגט ווי זאַפּט!
דעריבּער, איז ריינלאַנד אָנמעכטיק, פאַרשלאַפט!
איך שווער: פון אויג־לעפּל, פאַרמיידן דעם שלאָף!
די נגע: אויסקאָרטשען, אויסברענען, ביז סוף!!!״

„יאַשנינס דעספּאָטיע, זיין ווינסטע אינטריגע,
פלאַצט ווי טאַנדייטנע דך־שניידערס פאַסטריגע!!!״

שוין. עס שלאָפן געמיטלעך די וועלט־פּלוטאָקראַטן:
די רויטע, פאַרשפּאַרט — ווי די מייז — הינטער קראַטן.
אַנדערע, באָמבלען שוין פון **עשאַפּאָטן.**
קאַצעטן — באַשטעכלט. עלעקטריש — די דראָטן...
דאָרט לערנט מען יושר־און־שלום־חברותא
פאַרגעסן צו זשיפּען; זיך אָנטאָן אַ מיתה...

בלייענע כמאַרעס: אימה, און חֵמה.
דך־פֿאָלק — אין רינשטאָק — אַ שאָרביקע שיימע.
ברוינבלוזיקע היצלעס בילן מיט עזות:
באָדן און בלוט, לעבראַום, שטורמבאַזעס!
ריינראַסע וועט זינגן! אף־שטן טוט קוקן:
ס'זאָל דך מער נישט שטעקן קיין מעסער אין רוקן...
קריג איז דער זעניט פון מענלעכער טאַט!
שלום איז חלום פון דעגענעראַט!

אף־שטן שלינגט לענדער. **ערשט:** שכנישע שטאַטן.
„מיט גוט־אַפּעטיט!" — ווינטשן וועלט־פּלוטאָקראַטן.
אָט גרייכט ער צו יאַשלאַנד, די רויטע צעררייסט ער,
פאַרזיכערט, בלייבט ווידער, אונדזער פרעס, אונדזער טייסטער!
צאַריאַש — אין אַנגסטן. אַף־שטנס גבורה —
אַ לעמפּערט אויף לויער. ער — די כפּרה,
דער נעבעך, דער קרבן. די וועלט איז פאַרדאָרבן.
מען דאַרף — דאָך! — פאַרלאַמען צעקרישלטן שאַרבן...

איינרעדן כניאָקעס: „נישט אַלץ איז געשטאָרבן!"
אַחדות, און פאָלקס־פראָנט — אַ פלאַמיקער חורבן
נעגרייט פאַר די רוצחים! אין שׂאול וועט פאַרפאַלן
אַף־שטן, דער אכזר, די אור־קאַניבאַלן!
דאָס לאַנד פון די יאַשן איז ראָזע, **נישט** רויט!

זאַט איז דאָס פֿאָלק, מיינס, מיט גליק, און מיט ברויט.
די דכלעך, די מְכלעך, די שוואַכינקע ראַסן,
זיי שפּראָצן און בליען. פֿאַרשוואונדן — דאָס האַסן!...

מיר זענען די שיצער פֿון פֿריי־דעמאָקראַטיע,
ציטער נישט, ניטע, מעסיע פּלוטאָקראַטיע!
„פֿון ביידן — ווינקט געלטזאַק — מיר ווערן פֿאַרגלישעט;
כיי, וואָלט נאָר איינער דעם צווייטן דערדישעט..."
יאַשם הייזעריק קול הענגט אין חלל פֿאַרטויבט.
עס ציט זיך צו אים דער וואָס גלייבט שוין און גלויבט;
אויך דכלעך, וואָס וועלט האָט געקוועלט: „שוין געשטאָרבן!"
זיי זענען, אויף **ביידע** מאָרד־אָרגיעס, דער קרבן...

אויף יאַשנינס, אַליין זיך געבויט דעם מזבח.
אַף־שטנם קטרת — זייער סמאַלינע־ריח...
צאַריאַש זעט: געלטזועק רייצן ווילדהונט.
אַף־שטן שפּעט: געלטפרעס צעפּוילט איז פֿון גרונט.
מאַכט מען, **בגנבה**, גזלנימס יד־אחת:
(אָפּטאָן אַ שפּיצל — דער וועלט צולהכעיס...)
אַף־שטן צעפּלאַקערט אַ וועלט־קריג, אַ שרפה —
צאַריאַש זויפט בלוט, ווי אַ לויז אין מגפה.

אַף־שטן שלינגט לענדער, ווי סע פּרעסט אַ וואַלד־פּייער;
פֿאַרצוקט אַלע מענטשן, און וואָס טייער אין שייער.
אומגעריכט, ווי סע שפּרינגט, איבער ווינט, דער צעפּלאַקער,
שטורעמט ער יאַשלאַנד. זייער בונד — אַ בינט שקר.
פֿלייצן די טייכן אָקעאַנען פֿון בלוט.
סטוינגן פֿון שאַרבנס; שטעט — שטשערבעס צעגליט.
טשאַד. קרעמאַטאָריע. דָך — פֿלאַמיקע רייף.
פֿון הויט — אַבאַזשורן. פֿון פעטס — אַ שטיק זייף.

בישתָּן, דער גאון, דָכּם עילוי־קאָפּ,
צייט־חלל באַהעפט, שטח קרימט, שטראַל נייגט־אָפּ,
צעשיקט צו חברותא, צו דך איפּעם־לייט,
דעם סוד פון דער מיתה — אַף־שטנם — געגרייט:
דעם אויפריים פון קערנס, אין גיפטיקער קייט,
פלאַם־שלוקערץ פון שְׁאוֹל, צעהפקרט פון שייד.
צאַריאַש און געלטזאַק — אין ריקוד צוזאַמען.
אַף־שטן — אַ גליאָווניע. גאַנץ ריינלאַנד — אין פלאַמען.

„אַש־פרידן... גרויל־פרידן...״ — סקריפּעט אַ טיר,
אוקאַם איבער חורבה, אויף אַ שָׂריד־שאַרניר. —
געלטקראַטיע פוילט ווייטער — פרעס־זויף, און גראַביאָזש —
ווי אַן אָקטאָפּוס, פּויזעט אויף קיילעך, צאַריאַש.
רינגלט ער לענדער אַרום, און פאַרצוקט —
אין שלאַנגיקע אָרעמס, ווי צוואַנגען — דערשטיקט.
אַף־שטן — פאַרזונקען אין תהום פון פאַרגעסן.
געלטקראַטיע — צעשאָטן; פון מאָיל אויפגעפרעסן.

נעבליבן — בלויז איינער! אַחוץ אים — מער קיינער!
דער פאָטער פון פעלקער, דער גאונישער, שיינער,
צאַריאַש דערלייזער, דער לייזער פון שאלות,
די קרוין פון יצירה, פון הערלעכע מעלות.
לויבט אים, און ליבט אים, און... זייט זיך מתוודה:
געזינדיקט האָט יעדער, די געטרייסטע — אַוודאי!
שים זשע, פאַרשלים זשע, פאַרשיק זשע, און... ריייניק:
אויף יושר און צדק קריכן ווערעם נישט ווייניק!...

בישתנס דערפינדונג איז צאַריאַשס ווינטשרינגל:
ס׳צעשמעטערט שטעט־ריזן, סע טרייבט ראַזיר־קלינגל;
פליט מען אין קאָסמאָס, מען נעמט־איין לבנות;

אויפֿן שאַרף פֿון שפּיץ באַרג, איבער תהום פֿון סכנות,
שפּיצנעגלט די מענטשהייט, געשפּאַנט, אַקראָבאַטיש.
„אַך, ווי שטאָלץ!" — שמעלצט זיך קענער. קלאָגט פּאָעט:
„אַוטאָמאַטיש!"
מען פּלאַנצט־איבער גלידער, נערוון, און דריזן.
מען פּאַלמעסט די גענעץ: צו האָדעוועון ריזן...

כ'בין איינער פֿון ריזן, אין פּראָבקעס געבוירן,
קעפּ ווי קאָמפּיוטערס, די הימלען מיר בויערן.
גאָט — אַ געלעכטער! נאָר מָכלעך — דערמאָנען.
נידריק און נישטיק — בײַ אים, אונטערטאַנען —
פּאַר גאָט, זיי צעפּאַלן, ווי אַ פּוליק שיט האָלץ.
מענטש — דאָס איז אַלץ! אַלמעכטיק, און שטאָלץ!
פּרעך, לאַכט אַ לץ, אין קאַמער פֿון האַרץ:
„קענגן צאַריאַש, און גולם, ביסט אַ זעמדעלע קוואַרץ!..."

אויף יענער זײַט שקיעה, וואו בערג שפּאַלטן הימלען,
— פֿון קדמונים, פֿאַרמויערט, פֿאַרשלאָסן אויף ריגלען —
שפּרייט זיך דאָס קים־לאַנד, אין סודות געשלייערט,
וואו די מענטשישע מיירע, נאָר זי מערט זיך, און יערט.
פֿלייצט, איבער דער מויער, אַ קלעפּיקע מאַסע;
לעקט צפֿון, לענקט דרום, די געל־ברוינע ראַסע.
דור־דורות, געמאָרעט פֿון רויבער־סאַטראַפּן,
באַווייזט זיך פּר בּז, נעמט בלוט־זוינערם צעקלאַפּן.

פּר בּז — געלערנט פֿון יאַשנין, די תורה —
וואַרפֿט־אָן אויף קימלאַנד רויט־פּחד, טויט־מורא.
עם בלינצלט זײַן אויג; אַ לאַך אויף זײַן באַק;
געקעפּטע — אין רינשטאָק; צעפּאָכעט — די האַק.
פֿלוצלונג גאָר, בײַט ער, אויף גו רהּ, זײַן נאָמען:

„טויזנטער בלומען בליט־אויף אונדזער זאָמען...״
עס ציטערט דער גרונט פון טענץ און פון פרייד:
עס איז שוין — לויב צאַריאַש! — דער קיילעך באַפרייט!

עס רעוועז די הילכער, עקסטאַז שוימט פון בעכער,
עס קרייען די העגער אויף שטרויענע דעכער:
„בראשית איז איצטער. דאָס ערשט זינט קדמונים:
אויף קיילעך — איין שטאַט, איבער **אַלע** המונים!״
וועט מען זיך קענען די הענט ברייט צעפירן:
אַפּראָ־אַזיאַטן ציוויליזירן...
פון מענטש־ליים, אויסקנעטן אַ פּראַקטיקן פעניקס
אויף טורעם פון וויסן, טעכניק, עלעקטראָניק.

אַז גאָט נישט־געשטויגן, קינד־קייט שוין וויסן.
דאָך, **צאַריאַש — שפּיץ־טורעם!** — וועט הימלען צערייסן.
ווערעם, המונים! ווי געטלעך דער מענטש,
צאַריאַש, דער איינער, געאַכפּערט, געבענטשט!
דאָס עזות צעקוילערט, אויף הימלען, געלעכטער:
„צו חוזק איז צאַריאַש — און כּרבז — דער שעכטער!״
גיריק, ווי קין, שאַרפט כּרבז די האַק:
צעשמעטערן צאַריאַשעס טורעם, מיט קנאַק

פון וואַסערשטאָף באָמבעס העלישער שוואָס.
דאָס מעג מען, דאָס מוז מען: די וועלט שטייט אין קאָן.
די חורבות, קרבנות, די קרעציקע ערד —
דאָס אַלץ, איבערלעבן, איז קימפּאַלק באַשערט.
גערימט, און געאַכפּערט, מיט עקסטאַטישן שטורעם,
וועט קימפּאַלק אים קריינען, בתורת **גאָט**, אויף שפּיץ טורעם...
צאַריאַש — וואָס איז חושד זיין איינענעם מח —
דערשנאַפּט האָט, בליץ־שנעל, דעם טכוירישן ריח

פון כּרבּזם מחשבות, כּיטרע און בלאַט:
אַ וואונק מיט דער וויע, און... קים איז שאַד־מאַט!
שלײדערן בּײדע קערן־משחיתים:
שוידערן תהומען, פאַרקייכן זיך, הוסטן
מיט לאַווע און שוועבל, מיט לויג און מיט בּראַנד.
פרעגלט דער קײלעך. מענטש גוסעט בּײם ראַנד
פון קראַטער־צעשלוקערצט. געבּליבּן איז שטויבּ,
בּרענבּלאָזיק לאַנד, אַטאָמישע וואָלקנס, אַשיק, און טויבּ...

שׂריד, פאַרווירטער, בּרענוואונדיק דאָס לײבּ,
נורעט אין הײל זיך; שנאָפּט אַ נאָרע, אַ גרובּ.
מיר, ריזן, פאַרשלונגען פון קראַטערס, וואָס שימלען
מיט וואַסער, פאַרגיפטיקט, וואו שדים טוען ווימלען.
מיר קומען צו חלום, אין וויסטע קאָשמאַרן,
צו זוכערס צעדרייטע, צו קלוגינקע נאַרן...
דער סוף — **דאָס** — פון שטות, וואָס מיט אונדז איז פאַרלאָפן. —
דו מורמלסט, אַז **דיטאָ** מיט אײך האָט געטראָפן?!...

* * *

דער ריז איז פאַרשוואונדן; נישט געלאָזן קײן נאָמען;
געבּליבּן איז שוידער, און נאָל אויפן גומען...
האַסטיק, פון שטײן אָפּ, טוט גרין זיך אַ רים.
אַוועק, שטאָלפּערט ווײטער, מיט בּלײענע פים.
שטרויכלט, צעדאָרנט, אויף שטאָציקע צאַקנס.
ראַטשקעט, אַרויפצו, איבּער קשאַקישע נאַקנס.
די פעלדז־קרוין, אין פלאַקער — אַ בּליץ! אַ דערזע! —
זײן פאָטער, בּאַקיטלט, גײט־אויף פונעם סנה...

די נשמה — פאַרבּענקט; זײן גוף — אין יסורים;
לעבּצט ער נאָך בּאַהעלטעניש אין טלית־שבולה־רחמים.
דאָס צעפּײניקטע האַרץ, ווי בּרעניקע קוילן,

פלאַקערט אין תשוקה נאָך סודות — פאַרהוילן —
וואָס באַהעפטן צום פייער, צום סנה פון התגלות,
אין צעפּיבערטן טראַנס פון התלהבות־התפעלות.
כל־עצמותיו ציטערן; גייען־אויף אין פלאַם;
צעלאָזן זיך אין רוחניות, ווי שטרעמעלעך אין ים...

מחר ירוק — פּראָפעסאָר גרין — יעדער גליד, יעדער נערוו, וויברירט;
אַ לייבן־בריל גייט־אויף פון קעל — איוב, פון צער, געריירט:
„געליבטער, טאַטע־קרוין, פאָטער, אַב הרחמים,
ראה, כי באו מים, אומדערטרעגלעך די יסורים.
דו, וואָס יעדן חלל, דיין כבוד איז ממלא,
למה עזבתנו, אין אָפּגרונט, אלי, אלי?
מיר זענען — טמא, זינדיק — דיין צאָרן נישט אַנטרונען.
דאָס האַרץ איז הויל און ליידיק — קערסט־אָפּ פון אונדז די שכינה.

„דערבאַרעמדיקער פאָטער, מיין געבעט נעם־אָן.
פיר אונדז צו דיין משכן, דיין מקדש פון אייביק־אָן.
אַנטפּלעק די זאַלב פון גלעד, צו היילן אונדזער וויטיק:
דיין דור, שכולו חייב, דאַרף כולו־שבת נייטיק..."

* * *

טראָפּנדלעך טוי טוען קילן דעם שטערן.
אַ בת־קול, פון וויטנס, טוט מחר דערהערן:
„אַ מענטש איז געבוירן, באַשאַפן, **בצלם**.
חבד וועט צעשטערן דעם ליימענעם גולם.

„אויף געטלעכע לאָנקעס, וועט ער אונדז פירן;
ער וועט אונדז דערהייבן, באַשיינען, אויסצירן
אין שיינקייט — מלאכישער — קיינמאָל געזען
פון מענטשלעכן אויג; אויף ערד נישט געשען:
צו הערן מלאכישן פליגל־גערויש

באַגלייטן דערלייזער — **חבד בן יחבש.**
חי וקים חבד בן יחבש!!!...״

* * *

ווי כמאַרעס, נאָך רעגן, צעשויבערט פון ווינט,

צעקעמט פון די שטראַלן — אַ זוניקער שרונט,
באַשמייכלטע גאַסן, מיט אַ שײַן, מאַט, און קראַנק —
מחר, אַ פאַרבענקטער, מיט אַ האַרץ וואָס טוט באַנג,
צעלאָזט אין זים־האָפונג דעם פחד, די פּיין;
קייקלט פון ברוסט דעם וואָרגיקן שטיין;
עס כוואַליעט דאָס האַרץ אַ פאַליע, לייטזעליק;
כל־עצמותיו טוקן אין רחמים־פאַרגיביק;
חרטה לאָזט לויטער. תשובה מאַכט ריין:

אַ קוואַל פון מתיקות, אַ קוש ביז אויסגיין...

* * *

עס זינגט פון זיך אוים. קול שפּאַרט פון קעל:
„עס דונערט, דער ים, דער כוואַליעס באַפעל;
די טייכן, זיי פליעסקען, און לאַשטשען די ברעגן;
די בערגלעך — עקסטאַטיש — זיי טאַנצן ווי ציגן;
שפרינגען די הערצער צום **האַר פון די האַרן;**
זינגען די ספערן. און, מענטשן **דערהערן:**
׳אל־שדי ציט־אָן! ס׳וועט די גאולה באַווערן!׳״

מתוך הסנה

הסנה התיז רשפי ה"יש".
משה אכל בלבת האש —
התלבש בשלהבות הבל ושת.
בלע הקיני ה"יוד" והחטא.

גחלת בקן. הצפור בחיק.
משה — מושיע. המות מת...

ב. ונקיתי דמם לא־נקיתי...

(יואל ד:כ״א)

און וואָס איך וועל שענקען,
זייער בלוט וועל איך ניט שענקען...

(תרגום־יהואש)



מבשר

וואַלד,
אין שטעג,
און קוועליק וואַסער:
ווען זשע
קומסטו שוין
מבשר
אַרויפצושפּרענקלען
מים חיים
אויף די אַשן
פון טרעבלינקע?

טאָפּטשע זיך אין בלאָטעס,
מידער,
אויף פּאַרווינטע שליאַכן.
אָפּגעצוואָגנע, די ביימער,
הערן מתים לאַכן:

געפאָרן דאָ, מיט פערד און בידקע,
איז אַ גרויסער צדיק;
חסידים, איינגעהילט אין דביקות,
מיט שכינה זיך מזדווג.

צו די כאַטעס,
ברענגען גאולה,
שלייכט אַ ייד,
אַ מורד.
וואו זשע ברענט די רויטע לאָנע?
ווער זשע איז דער הורג?

פּליושן גראָז,
פֿאַרסודעט שטעגל.
שאָפּען־טענער קלאָגן.
אויף קלאַווישן
ווײנען מתים,
ביז עם גרויט
אויף טאָגן...

תכריכים וועבן
טויבע מערדער,
אויף פּוילנס ווײַסטע וועגן.
פֿאַר וועמען ברענט די רויטע לאָנע,
אויב נישט פֿאַר מײַנעטוועגן?

וואַלד,
און שטעג,
און קוועליק וואַסער:
די מאָס איז שוין אַ פֿולע...
אײַל זיך,
אײַל זיך שוין, מבשר,
פֿאַרשפּעטיק נישט די גאולה...

מיר פּרעגן...

זאַפּטיק, דאָס גראָז אויף דער פּאַשע;
אַ לעמעלע טענצלט אין טאָל.
האַרציקער, זיסער באַשעפֿער,
דו האָסט מיך געטוליעט אַמאָל...

דורך שטורעמס, אין תמימות, געפירט מיך.
אַ טלית פון תכלת — מיין שאַל.
אַ שליטל, אַ גלעקל, אַן עכאָ;
אַן עופּעלעם שמייכל — פאַרגאַפט.

יונג־פרילינג. אַ שניי־מענטש, פאַרלאָזן;
די ווינטעלעך שענדן זיין סוף.
צעפּייניקט דאָס האַרץ איז פון ספקות.
צעפראַלט איז די קעל פון אין־סוף.

וואוהין זשע אַנטרינען פון צאָרן,
שירעמט דען שוים פונעם טאַטן?
אָדער איז כביכול פון זינען?
אין אוישוויץ, די קינדערלעך ברענען.

מיר פרעגן פאַרווירטע,
אויף שטעגן פאַרקרומטע.
דו שטאַמלסט אַליין אונדזער ליפּ.
פאַרשטאָפּסט אונדזער עזות.
עם טשאַדען די גאַזן;
דו שליידערסט אין תהום
אונדזער מיסט...

פאַרשרפעט דאָס גראָז אויף דער פּאַשע.
דאָס לעמעלע — ביינער אין טאָל.
פאַרהוילן, אל קנא, באַשעפער,
דו האָסט מיך געטוליעט אַמאָל?...

שומר, מה מליל?

צויבער, צויבער, כישופמאַכער. —
נעפּל, שוים, פון בעכער.
אויף די קוימענס קרייען שדים.
אין חורבות וויינט דער וויכער.

לבנה שפּינט אַ זילבער־נעץ,
און שלאָפט אויף פּוך פון נעפּל.
סמאל טאַנצט אַ מינועט
מיט אַ יידיש־קינדס סקעלעטל.

עס וואַרפט אין פיבער געטאָ־פּוילן.
דער גוי באַזויפט מיט שנאה.
עס גייט אין פושטשע פּאַן אויף יאַגד —
אַ ייד פון פלאַם אַנטרונען...

שומר, פון דער שוידער־נאַכט,
ווי קענסטו דאָס פאַרטראָגן?
— כביכול וויינט איין יאַנקעלען:
פאַרבלוטיקט די מרכבה...

קוילערט וואָגן.
ראָד — אויף גרודעס.
עס קנאַלט די בייטש
אַ קללה.
פון כאַטע
בליקט
דערשראָקן אויג:
אַ מת — דער בעל־עגלה.

וואָס מיינסטו פוילן,
פאַלשע שלאַנג,
מיר האָבן דיך פאַרלאָזן?
— מיין בלאָנדע באָרד
דיין זאַנג אין פעלד.
אין ווינט,
מיין קול טוט קלאָגן.

שומר, שומר אויף דער וואַך,
צי הערסטו אויך דאָס קלאָגן?
— כביכול ווײנט אויף יאַנקעלען
אין גרויליקע פאַרטאָגן...

פון קרעניצע —
מיין ברודערס אויג.
דיין טייך,
מיין בלוט,
פלייצט איבער.
מיין פחד
וואַרגט
דיין בלויע נאַכט,
ביז גאָט
פראַלט־אויף
די גריבער...

שומר, שומר פון דער נאַכט,
וואָס האָסטו אונדז צו זאָגן?
— כביכול טוליעט יאַנקעלען:
עס שפּראָצט שוין אויף צו טאָגן...

שפּילפּלאַץ באַלאַדע

פֿאַר העניען — אַ שותּפֿותדיקע טרער

הוידער, הינדער,
מאַמעס וואונדער;
מאָנט דאָס קינד:
— „דעם טאַטן גיב מיר!"

ביטערט מוטער:
— „פֿליקסט שוין שטיקער?
דער שם יתבּרך
איז דיין פֿאָטער."

פֿלוכן מיידן,
צווייט און שמאַנט:
— „פֿאַר יידן־קויט —
נאָר טויט און שאַנד!"

הוידער, הינדער,
מאַמעס וואונדער;
מאָנט דאָס יינגל:
— „קומט מיין פֿאָטער?"

יאָמערט מוטער:
— „ער איז שטויב,
אַש פֿון אוישוויץ,
יודענזייף."

פֿלוכן קינדער,
לעסטערט לאַם:
— „אַז ס'איז אים ניחא,
פֿאַרצער אונדז, פֿלאַם!"

ברודער

נר לנשמת אחי, הקדוש,
ישכר אריה־לייב, הי״ד.

שוין פופציק, מער איינס,
זינט וויסטן שפּעט־אָב,
ווען פאַרקייכט אין דיין בלוט
אויף דער שוים פונעם טאַטן
האָסט אויסגעהויכט לעצטן: „עד מתי?״

דעם קייסער, דעם קייזער,
שוין דערעסן ס׳נעיעג
נאָך קליינלעכן פאַנג פון געווילד;
עס לאָקט זיי די שפּיל
פון אַ ריזן־געפּעכט;
איז געפאַלן דער גורל:
וועלט־קריג!

איך הער אַלץ ווי ס׳יאָמערט
דיין פאַריתומטע מאַמע,
כאָטש ס׳פאַרדעקט זי שוין לאַנג
דער תהום.

דיין מצבה — אַ קלאַטקע
פאַר באַשפּאָרנטן דייטש.
אויף דיין קבר
פלאַנצט גרינסן
פאַן סטאַך.

יאָ, מען קלאָגט אין גאַליציע.
וואָר, מען וויינט אין אָדעם...
נאָר פאַרשעמט בלייבט דער ייד
מיט זיין בראָך...

כ״ד מנחם־אב, היתשכ״ו

קינה

דמעה
על־מות דודי,
הקדוש יונה ב"ר ישכר, הי"ד.
י"ט אלול — מדת הדין — מאלהים נפלת חלל.

אַ יידישן יתום, פון פוילישער ערד,
געשיקט האָט מען פּאַיען דעם צאַרס שוואַרצע פערד.

דער גרונט האָט געציטערט — געוועז איז תּרע"ד —
געפּלאַצט האָט, ביים ברונעם, אַ דייטשער סנאַראַד.

באַשפּריצט האָט דיין מאַרך די וועלט — אַ מזבח.
געסמאָליעט זי רויכעם. געשטיקט — אַ גיפט־ריח.

מע זאָגט הי: „די וועלט, דאַן, איז אונטערגעגאַנגען.
דער חלום פון אויפשטייג — אויף אייביק, געפאַנגען."

צעגריזשעט פון נויטלאַנדס פאַרזשאַווערטן זייגער,
דו האָסט זיך געבּאָרעט מיט נאָר אַנדערן שטייגער.

וואָס וויסן דען הינע פון פוילישע העקן,
וואו געשוואָלענע וואָלקנס, הימלען טויבע, פאַרדעקן?

דיין פאָטער — געקוילעט פון קצבישער האַק.
וויטריאָל־טרער, שרפעט מוטערס רויז־באַק.

דיין בלוט פערלט פריש. אויף גראָז בלישטשעט ראָסע.
דער מלאך־המוות — צעפּאַכטן די קאָסע —

געשאָכטן האָט, דעמאָלט, אַ האַלבע משפחה.
די שארית, צעווייעט צום ברעג ארבע־רוחות.

יאָר דרייסיק, גרווילט רעשטל אויף בלוטיקן שליאַד,
גייט־אויף, אַן עולה, אין אוישוויצם שטיקטשאַד.

ווער פאַרגינט זיך עם קלאָגן אויף עלנטן יחיד,
ווען איין־מיליאָן קינדער געשאָכטן האָט שוחט?

ווער וואַגט דאָס באַוויינען די בראָך פון משפּחות,
ווען זעקס־מיליאָן פאָלק פאַרצוקט האָבן רוחות?

יתומל, טייבעלע, געפאַלן אום אלול,
י״ט אלול — אלהים. — גזר־דין שפּאַלט דעם חלל.

אין קלעם

וואָס וויינסטו, דין־רעגן, אין וויסט פון דער נאַכט?
האָסטו דען פאַרלאָרן אַ זון אין אַ שלאַכט?
האָט גאָט אויך געמעסערט דיין מאַרך און געביין
מיט חלף — באַוואוסטזיין; מיט נאָגן פון פּיין?

וואָס וואָיעסטו, ווינט, אין יאָמער פון צער?
צי האָט אין שגעון געשליידערט דיך — האַר?
שויבערסט דאָס ביימל, צופּסט אים בלעטער פון צאָפּ,
ווי פאַרווירטע אבלים רייסן האָר פונעם קאָפּ.

צי קלאָגט איר דאָס ביידע — דין־רעגן, ווילד־ווינט —
ווייל טויב איז דער הימל, און יצירה איז בלינד?
געמיינט האָב איך, נאַריש: דער דומם — געליימט.
נאָר, ווי איך, יעדער זעמדל — אין יסורים פאַרקלעמט.

קלאַנגען אין דער נאַכט

יחיאלן, לזכר — די טעג אין דוקשט.

קלינג־אַ־קלאַנג, פאָרטעפּיאַן;
פריילנם פויגל־גאַנג
אויף דיל פון מערמלשטיין.
עלעקטריש־קרענקלעך־שײַן
שפּינלט דער סופּיט
אויף סודנדיקן זייד —
צערטלט סאַמעט־לייב.
זיסער אומעט נאָגט —
עס פרירט די איינזאַמקייט.

שוידער, גרויל,
פאַרזשאַווערט מעסער —
נישט־דערשאָכטן הענגט אַ קאָפּ.
קלעבן פים — בליי אין סמאָלע.
טויבער עכאָ — שטום געשריי.

זים־אַ־קלאַנג, פאָרטעפּיאַן;
פידלם וויינענדיקער וויין
פאַרנעפּלט אויג
אין טרוים הילט איין;
שפּינט־אוים שלייערן, באַהעפּט
לבנה־גאָלד מיט בלויע נעכט.

אין שוידערלאַנד, אין פיבערנאַכט,
קאָסעט דער פאַרדאַרבער.
גוסעט מענטש אויף שטעכלדראָט;
די טויב, פאַרצוקט, דער שפּאַרבער.

פֿאַרטעפּיאַן קלאַפּט קאָקעט;
קעציש וויינט די פֿידל.
אויף שפּיגל־דיל פֿון קאַבאַרעט
שלענגלט זיך אַ סילועט,
תאווהט טענצער־מיידל.

שוואַרצע נאַכט —
און לאָנעם רויטע.
עס גרענערט עראָפּלאַן,
און קוילנוואַרפֿער ציילט
די טאָג־הכנסה פֿונעם טויט.
עס בליצט ראַקעטע און פּראָזשעקטאָר,
ווי ס׳וואָלט געשטשירעט
אירע רויטע ציין
די נאַכט.
עס דונערט
טעמפּ און טרוקן
דער האַרמאַט,
און ס׳יאָמערן סירענעס
פֿאַר אַ גאַז־אַטאַק.
עס זענקט די קנוילן רויך —
דער פֿלאַם.
טויט — דאָס קינד.
פֿון זין — די אַם...

קלאַווישן קלאָנגן —
ברומט אַן אָרגל.
בלויער רויך,
פֿאַרגלעזטע אויגן.

הינטיש־הפקר שרייט טרומייט —
אַסטמעדיק פאַרקייכט זיך דזשעז.
סיקען שלאַנגען.
גליט אַ לאַווע.
שוימט
אַ קופּליע־ביר
מיט... **סם**.
שווינדן טענצער פאַר די אויגן,
שאָקלען שדימדיק, און בייגן:
„גיב אונדז שלום,
לאָז אונדז שוועבן,
אָנחושימדיק,
אין 'זיין',
אין **לעבן**..."

קלינגט דער זייגער —
כאָרכלט: **„דרייצן"**.
דער צייט האָט זיך
פאַרדרייט דער קאָפּ.
פלעדערמייז
און סאָוועס, רויטע,
רוימען־איין
דער נאַכט דעם סוד...

פון נעפלען

(צו בערלס 60 יאָר)

פון נעפלען — אַ כאַטע.
אַ מאַמע, צוויי קינדער,
יתומימלעך, עלנט
אין וועלפישער וועלט.

דאָס ייִנגל — צעשמייכלט;
דאָס מיידל — אַ בלאָנדע.
מײַן ברודער, מיט זײַ,
אין וועלפּישער נאַכט.

אויף וואַלדיקן שליאַך —
אַ וואָגן, צעטרייסלט;
צעשאָסן די בריקן,
צעלעכערט — פאַראָם;
פּאַליעס און דראָטן
שטשירען צו הימלען
די שרעק און פאַרשעמונג,
דעם בראָך פון אַ דור.

אַ ייִנגל, אַ מאַמע,
אַ שיפל — פול אימה —
שליידערט מיט רוגזה
צעשטורעמטער בוג.

צעוואונדיקטע פּיס —
אויף וואָרצלען פון ביימער;
הילכן מיט פּחד
באָרוועסע טריט.

דאָ לויערט האַליערטשיק.
זײַן גאווה באַשפּיגן,
באַזיגט פון די רויטע,
בולאַק שאַרפט שנאה
אויף ייִדיש געביין.

אַ מאַמע, אַ ייִנגל —
בלויז אויגן — אַנטרונען
צו ייִדישן ישוב,
אין פּוילישער נאַכט...
אין קעלערס פֿאַרגראָבן,
אין שוידערס פֿאַרציטערט,
מיט „שמע" אויף די ליפּן,
פֿון נסים באַוואַכט...

אין נעפּל פֿון עבֿר,
איך זע דיך אין כאַטע;
מיך, זע איך, לויפֿן
אין גרויליקער נאַכט.
דער שניי אויף דיין קאָפּ —
קיין פֿרילינג צעקאַפּעט —
שטאָלט לזכּרון
פֿון וועלפֿישער נאַכט...

מאַי 7, 1967

כ'בין פֿאַרבײַ...

„כ'בין פֿאַרבײַ" —
מיין מאַמעס יעמערלעך געשריי,
גייט מיר נאָך;
רייסט די פּחדים־שלייערן
פֿון חצות.

מיין פֿאָלק איז פֿאַרבײַ,
געליימט,
און פֿילט שוין נישט דעם וויי.

אויף אַלע וועגן,
בלאָנקען, וואָיענדיק,
משונעים דיינע;
פאַרטייעטע,
אין טלית פון נישט־זיין.

געראַטשקעט זיך אויף ראַנגען
פון סולם צו אין־סופן;
געלאַנדיקט — אָפּגרונט.
גרויליק — זייער געשריי.

מיט מלאכם שנעל,
און תחיה־טוי,
פאַרווינט האָסטו דיין שוואַלב.
ווי קען איך טרעטן איצט,
אַליין,
אין טאָל פון טויט?

פאַרוואָס הילסטו מיך נישט איין
אין תכלתדיקער שלווה?
פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרהוילן,
און שטויסט מיך אין אין־סופן?

וואו ביסטו, וואו? באַווייז זיך האַר!
גיב אָנשפּאַר צו מיין פוסטריט,
ווינ מיך איין...

1953

קלאָג פון אַ גליאָווניע גערעטעוועט פון שייטער

ווערבע וויינט שטיל, כאָטש לאַן שמייכלט זעט.
זיפץ ברעכט מיין ברוסט אויף יסורימדיק בעט.

ווערבע פאַרשטעלט זיך פאַר שאַנד איר געזיכט,
כאָטש בייטן, שטיין־גערטנער, פלאַמען אין ליכט.

פאַרשטויסן בין איך; מיין שבט גייט־אויס.
ווי ווערבעס, אַזוי מיר, ווייט פון היימישן הויז.

אויפן טייכס פייכטן ברעג, וויין דיר צו דער זעט;
די ליליע פונעם סטאַוו, רייס־אויס פון רויזנבעט.

וואוהין דען זיך קערן פונעם בים פון געזעמל?
צו שפּאָט — אונדזער שטאַרבן; אָן טרויער — דער הימל.

ניצול פון שיפבראָך, דערשוואומען צום באָרטן:
דעם גוף און דעם גייסט — פאַרקויפט פאַר פּאַספּאָרטן.

האַרבע ווערטער, פאַרשטום! טרערן האַלט, נישט געוויינט!
דעם וויטיק פאַרשטעל, דיין האַרץ מאַך געליימט.

וויין ווערבע, וויין, רויש יאוש און קלאָג;
זאָג קינות פאַר מיר, פאַר מיין שבט, אויך, זאָג.

שטראַלן, פאַרשיכורט, אויף זאַפטיקן לאַן.
פיין חלפט זעל, שטום האַרץ, פון אַ פּיאָן.

כאָטש איך שריי...

אָרעמס הענגען שווער ווי בליי.
צום גרונט געשמידט, די פּיס, געליימט.
די צונג — צום גומען צוגעלאַמט.
כאָטש כ׳יאָמער, שריי —
ס׳איז טויב, און שאַ,
אין פּלאָנטערוועב פון גרויל־קאָשמאַר:
געראַנגל, צאַפּל, ציטער, שטאַר...

פאַרגליטשטער ראַק, מאָכקע בערדל,
זשאַבע־אויג, שאַבריע־שווערדל,
גלאַנצט חניפה, שמן־זית:
גריזשע־ציין אויף יידם כזית...

„אין ימים נאַפט — די וועלט דערטרינקען!
אין הורבעס גאָלד — די ערד פאַרזינקען!"
בלינצלט זיג, שייך־דיפּלאָמאַט —
בן־יקירל, האַרעמיראַטם.

פרייכט אַ גאָנער — אויג פון שלייען —
צויטן שקר — געשפּינט אין דרייען —
שלום־פּריז — אויף בלוט אַ טייך —
צירט „פליכטלינג אַום דען דויטשען רייך".
פליט ׳הא־קוף׳ איבער יידעלעם דאַך,
פאַרלירט אַ סנאַראַד, צעפּלאַקערט דעם סכך...

קאַרטאָפליע־נאָז, און וואַסער־אויגן;
זינקזאַמד־פלייץ — מיט רויט באַצויגן;
יושר, צדק, סאָציאַליזם —
פיינגבלאַט אויף פרעך־ציניזם...

קאַרוסעל פּליט געשווינד:
„פּאַראַט אין מינכען!
פאַרקויפט פּאָלקס־שפּאַניע!
— סטאַלין־היטלער מאָרד־קאַמפּאַניע!"

סקאַוואַטשעט טשאַטע — וועלף־געזעמל:
„לאָז זיך שעכטן, עזות־לעמל!"

מיסל־סוויסטש. חורבה־שטעט.
שאַרבן שטשירעט האַרב געשפּעט.
מוטערס ליוליען לײדיקע אָרעמס.
קוקאַווקע הוקעט פון זײַנער־טורעם:
„שטעלט־אָפּ די ערד אין טירוף־לויף!
ס'ווערט שפּעט, גאָר שפּעט!
הערט־אויף! הערט־אויף!"

קאַרוסעל שווינדלט ווילדער.
זײַנער טיקעט גרויל־געפילדער.
קוקאַווקע גרילצט. קאָפּ — אָפּגעשאָסן.
די פּיס — געליימט. פון בלײַ — געגאָסן.
די צונג — צום גומען צוגעלאַמט.
דאָס מויל — פאַרשטאָפּט מיט בריאיק זאַמד.
כאָטש יעמערלעך איך שרײַ — אומזיסט!
ס'איז טויב — און שאַ... — און שטומער וויסט...

אָ, שעלט זיי!

אָ, שעלט זיי, שעלט זיי זיינגער.
ווער ווערן גרינגער, ווער ווערן לינדער
דיין געמיט.

קופּער־הימל — זון־פאַרגיין:
פּעביקע לאַווע אין דיין האַרץ.
פאַרצוק זיי מיט דעם אָטעם
פון דער שׂרפה אין דיין ברוסט.

אָ, שעלט זיי, שעלט זיי זיינגער.
ווער ווערן גרינגער, ווער ווערן לינדער
דיין געמיט.

שפּינדל־פּיסלעך; קנאָכן־הויל;
פּענבער־בייכלעך; גליווערט גרויל.
שׂרפעט הימלען — בראַנד — אַ צונג.
ערד האָט אויפגעפּראַלט איר שלונג.

אָ, שעלט זיי, שעלט זיי זיינגער.
ווער ווערן גרינגער, ווער ווערן לינדער
דיין געמיט.

בעזעם־ברעמען — קרעמלין טומאה:
סמאל לאָקערט אויף מיין אומה,
קלאַפּטער ליינט אין באָכן בלוט —
עס דאַרנט אים מיין מינדסטער גליד.

פֿאַרשעלט אים, שעלט אים זיינגער.
וועט ווערן גרינגער, וועט ווערן לינדער
דיין געמיט.

ישמעאל שווימט אין ימען ׳קראַפט׳.
דער ׳מערב׳ פּוילט, און זשליאָקעט נאַפט;
הייצט מיט ״ייד״ דעם מולך־פּלאַם.
כאָכאָטשעט פֿרעך דער רויטער כאַם.

אָ, שעלט זיי, שעלט זיי זיינגער.
וועט ווערן גרינגער, וועט ווערן לינדער
דיין געמיט.

חורבן־קינדער גוסען ווידער.
געבײלט די פּויסט בײַ דיינע ברידער.
נשמות־בעלזשעץ מאָנען ראַכע:
דערשטיקן קֵדָר־יָוונם יוכע!

הערסטו דאָס געוויין פֿון קדושים?
הערסטו ווי די גייסטער רעשן?

פֿאַרשעלט זשע די רשעים, שעלט!
דערשיין אַלמעכטיקער! אַנטפּלעק זיך, **האַר!**
צום משפט, שטעל, רציחה־וועלט!

היט זיך!...

(די פֿאַרראַטענע און פֿאַרשעמטע
יידן־רעוואָליוציאָנערן פֿון
פּוילן — געווידמעט.)

— אַ וואולקאַן בין איך, אין אויפֿריים.
מיין לאַווע פֿלייצט, פֿאַרצוקט...

— עס בראַזגעט גוזמאדיק;
עס גרילצט דיר רוי?
„פֿאַרדעק", זאָגסטו, „פֿאַרהיל, פֿאַרשטעל, פֿאַרהויל!"?

— הערסטו דען דאָס זידן אין מיין בלוט?
בריט אין דיר מיין צאָרנפֿלאַם?
דערבליקסטו דען די אָרעמס — שטייפֿע בוינגס —
צום אָנגרייף אָנגעצויגן?
פֿינגער־שפּאָרן קליאַמרען זיך: דערוואַרגן?!

— זיי האָבן מיך גענוצט. מיין בלוט געזויגן,
וואָס כ'האָב בשפֿע פֿאַר דער „גאולה־זון"
געטריפֿט, געפֿלייצט, פֿאַרגאָסן...
געפֿאַשעט אויף מיין מאַרך. גענאָגט מיין ביין.
באַלעקט די זולל־וואָנצע. פֿאַרצערט מיין לעצטן גליד. —

זיי שפּעטן פֿרעך: **„וואַמפּיר!"**
זיי קייכן: **„פּאַראַזיט!"...**

— **גענוג, זאָג איך, גענאָך!
היט זיך פֿאַר מיין פֿלאַמיק פֿייער!
זע, מיין לאַווע פֿלייצט, פֿאַרצוקט!...**

סמיקער בעכער

איינזאַמער שטערן. פֿאַרלאָזענער בוים.
לבֿנה — אַ קאַץ — שפּירט נאָך טריט פֿון מיין טרוים.

וואָיען שקעלעטן אין וועלדער: „בּיאַפֿראַ!"
בעמען — דערוואָרגן — אין קנאָכן פֿון שעכטער.

די צונג איז געליימט: קליוולאַנד — אין פֿלאַמען.
וויעטנאַם, ווער קען טרערן, אויף יענער זייט אומזין?

אויף לאַנד מיינס, און אומה, לאָקערט רויטער אַנגי:
די גליאָווניע — פֿון שייטער אַנטרונען — דערשלאָגן!

טרויער — טריפֿט שטערן; ווי — שעפּטשעט בוים.
דו, פּראָסטיקע קאַץ, שנאַפּסט נאָך זוים פֿון מיין טרוים...

אַ לידלער פֿלעכט גראַמען — בענקט נעכטיקע טעג.
וועלט פֿלאַקערט אין פֿלאַמען — ער בלאָנקעט זיין וועג.

נישטיק — זיין בענקשאַפֿט. לער — הילכט אין זיין טרוים.
ווי נאַריש! דו שנאַפּסט אַלץ די שלעפּ פֿון זיין זוים...

סמיקער בעכער, אויף זילבערנער טאַץ,
דאָס ביסטו — לבֿנה — דו, פּראָסטיקע קאַץ!

עס מיידט מיך דער שלאָף

מיין ברודער, שלום, אַ מתנה

גענען אַלע שאָף,
געציילט אַלע לעמער,
עס מיידט מיך דער שלאָף,
איך הער וועמענס יאָמער.

איז עס דער ציטער
פון ריטל, פאַרדאַרט,
צי גאָר אַ מוטער
טרייסטלאָז, באַצערט?

געציילט אַלע לעמער,
גענלעט אַלע שאָף,
איך הער אַ געיאָמער,
עס ווייכט מיך דער שלאָף.

איז עס דער ווינט —
וויל דעריאָגן זיין עק;
צי — פון חורבות — אַ קינד
קלאָגט, פאַריתומט; שרייט שרעק?

געציילט אַלע שאָף,
גענען אַלע לעמער,
עס ווייכט מיך דער שלאָף,
איך הער אַ געיאָמער.

צאַנקט וואו אַ לעבן
אונטער קראַכנדער וואַנט,
צי כ׳בין דאָרט דערלעבן
און כליפּע פאַר שאַנד?...

טאָל פון פּאַרטרוקנטע ביינער

פּאַרוויאַניעט, דיין גאָט,
ווי אַ בלאַט אין מיטזומער;
דערשטיקט אינעם טשאַד
איבער שטיקיקע שטעט,
צעפרעסן פון דער,*
— סטראַשידלע פון אוישוויץ —
שפּייט קלעק, פליצט גאַל,
גייט־אויס אומבאַמערקט,
אין דער פאַלד פון דיין גליכגילט,
אויף דער גרענעץ פון גענעץ
פון דיין פּעטער פערשטאָט.

פון שוויץ פון דער שטאָט
צו דעם גרעפּץ פון דער פערשטאָט
טוסט יאָגן;
דו אײלסט אָנצוטאָן
די בגדי־תפארת
פון שעף.
פון פּאַטיאָ־אַלטאַרס
דער טשאַד פון דיין אָפּער
גייט־אויף:
אַ ריח־ניחוח,
אַ שמעקעדיק ווירעך.
פון מולך און עמון
— איבער כוואַליעס פון צייט —
שוועבן גרוסן לײטזעליק,

*דער — טובערקולאָז

שמייכלען בליקן פון ביטול,
אויף פעטער פערשטאָט,
אויפן שעף אינעם קיטל.

נפשות לערע — פוסטע נים.
דער לאַן געשאָרן — באַרשטן־גראָז.
קשאַקעס פלייטלעך, אויסגעווירעט,
ווי סאָלדאַטלעך אין אַ שורה,
געטריי און פרום, און אָפגעניגלט,
באַוואַכן שטיבער, שווער פאַררינגלט.
פוסטקייט אונטער אָנשטעל־זינגל,
אין וואָלקן־קראַצערס, שאַבלאָנע שטיבער:
טעכנאָ־לאַנגווייל, קאָמפּיוטאָ־ליבע.

אַ דאַמע געשלעפט פונעם ציימל;
איר הונט שנאַפּט דעם שטאַם פון אַ ביימל.
לאַמטער־סלופּ, אין אומעט, באַטראַכט
דעם טויט־טאַנץ פון מאָל יעדע נאַכט.

אַ קאָמאַר באַזומרט אַ בוסן;
אַ גרילכל טשיריקעט פאַררוסן;
די שפּין פראַוועט צירק אין איר נעץ;
גייסט גוסעט, הויכט־אוים זיין לעצט.

אין קירכעס און טעמפּלען,
קיינינט די קעלט:
קינסטלעכע פרומקייט —
פאַפּירענע וועלט;
באַנהאָפערם עטיק,
טיליכם פאַטעטיק,

פאַרגלייזט אוינן־לעפל
צו בובערם טשאַדנעפל;
פריידיקער לײדיקט־אוים
רייד — זייפנבלאָזן —
צו מיסטער־פאַרשטאַרט,
צו מאַדאַם־אָנגעבלאָזן.

צעכראַסטעטע יוגנט,
צעפלאָשעטע האָר:
ס'איז מאָדיש מרידה,
פאַרקירצן די יאָר.
דאָך...
פון גילדענעם נעטאָ
טוט קײנער אַנטלויפן;
אויך דעם דאָזיקן בונט
טוען פיפיק פאַרקויפן
די מעקלער פון „ביליק",
די הענדלער פון שונד.

עס גלייבט דאָ נישט קיינער,
עס הויערט דאָ „לײדיק";
די טרוקענע ביינער
טויט־מדבּרן אייביק...

הער...

צו מיינע קינדער — אַ וואָרט.

דו פרעגסט מיך, זון; דו מאָנסט: 'פאַרוואָס?'.
— נישט געוואַגט, דיין זיידן, פרעגן.
אַ טרילער, הער, אין צווייג־געוועב;
פאַרקנסט צו מי, צו לעבן.

וואָר, אוישוויץ־טשאַד און אַטאָם־שוואָם,
ווי וועלף, אויף דיינע מאָרגנס;
געשוואָרן כ׳האָב: צום שאַרף פון שווערד —
דער גאָרדיוס־קנופ, וויסט־לעבן.

גלייב מיר, זון; פול ציטער, צער,
באַקענט האָב איך דיין מוטער;
געשוידערט מיך: אַ רינג אָן קייט,
אַן אַנקערלאָזער מאָרגן.

נישט פרעג מיך, זון; נישט מאָן: ׳פאַרוואָס?׳.
אַ רינג אין קייט — דיין פאָטער.
אַ טרילער, הער, אין קנאָספן־קרוין;
היילִיק, אייביק, סוד פון ׳זיין׳:
׳בדמייך, לעב! בעל־כרחך, שטרעב!׳
קענסטו דאָס פאַרשטיין, פאַרגעבן?

דו פרעגסט מיך, זון: ׳איך ירשע פיין?׳.
— יאָ, פיין, געליישט — בטחון.
געקלינגלט זיך; נאָר, מעשה־נאַר,
געגלויבט אין יונגע מאָרגנס.

יאָרטויזנט צו יאָרטויזנט ווינקט:
אַ טורקלטויב אין פרילינג.
די טרייסט פליסט שטיל,
ווי טייך — אין טאָל;
ווי אַ כוואַליע, די הילף, טוט שטייגן.

דו פרעגסט מיך, זון; דו מאָנסט מיך, קינד.
— נישט געוואַגט, דיין זיידן, פרעגן.
דעם טרילער, הער; נעם אויף זיין רוף
צום לעבן און געראַנגל.

פֿאַרטרייבּ די שוואַרץ־מלכה פֿון איבּער די שטערן!...

לאָמיר שפּינען געוועבּן פֿאַרהאָקלט אין אָנוואָם —
שלייערם פֿון שיפֿאָן, ספּיראַלן אין קאָסמאָם.
לאָמיר שפּינען אַ חלום ווי גאָר־קליינע קינדער —

פֿאַרזינגלען דעם עיגול פֿאַר דעם ליגנט: 'אָנוואונדער'.
פֿאַרלעשן דעם בּלענד פֿון דער ניכטערנער קלאָר.
צעווייען פֿאַרבּלענדעניש — ווײַרעך פֿון וואָר.

לאָמיר צוויבּערן הימישע ליבּשאַפֿט געצעלטן,
כאָטש די שוואַרצשפּין טוט פּויזען איבּער אַלע וועלטן,
כאָטש די שוואַרצשפּין טוט פּויזען איבּער אַלע וועלטן...

פֿונוואַנען דער גאַרן פֿון איידל־בּאַגערן,
אויבּ שוואַרצשפּין איז מלכה איבּער אַלע שטערן,
אויבּ שוואַרצשפּין איז מלכה איבּער אַלע שטערן?...

לאָז אויפֿגיין דעם גאַרן, ווי בּיים פּאַקיר די שלאַנג.
שטאַפּל נאָך שטאַפּל: צום חלום — דיין גאַנג.
קלעטער אויף פֿאָדעם פֿון איידל־בּאַגערן,
פֿאַרטרייבּ די שוואַרץ־מלכה פֿון איבּער די שטערן,
פֿאַרטרייבּ די שוואַרץ־מלכה פֿון איבּער די שטערן!...

לאָמיר שפּינען געוועבּן, ספּיראַלן אין קאָסמאָם,
לאָמיר שפּינען אַ חלום, אַ לעבּן פֿול וואונדער,
לאָמיר צוויבּערן ליבּשאַפֿט, אַן איידל־בּאַגערן,
פֿאַרטרייבּן די שוואַרצשפּין פֿון איבּער די שטערן,
פֿאַרטרייבּן די שוואַרצשפּין פֿון איבּער די שטערן!...

פֿאַרהוילן פּנים

כ׳האָב געזען, כאָטש כ׳בין בלינד —
ווער זשע לאַכט עס?
כ׳האָב געהערט, כאָטש כ׳בין טויב —
ווער זשע שפּאַסט עס?
כ׳האָב געטראָגן אַ לאַמטערן —
וועמען לייכט עס?

אַז פֿאַרהוילן איז דיין פּנים —
בלענדט די בלינד.

האָסט געמיינט, אַז דו זעסט —
ווער פֿאַרבלענדט דיך?
האָסט געמיינט, אַז דו הערסט —
ווער פֿאַרטויבט דיך?
האָסט געמיינט: עס שאַרייעט. —
ווער פֿאַרפּירט דיך?

אַז פֿאַרהוילן איז זיין פּנים —
נישטערסט נישטיק.

געזען, געטאַפּט, אין חשך־בלינד —
איז דען וויכטיק?
געהערט, געהאָרכט, אין טויבער שטום —
הער איך ריכטיק?
נעפּל שלייערט מיין לאַמטערן —
ווערט דען סוד דורכזיכטיק?

אַנטפּלעקסט אַ ברעג פֿאַרהוילן פּנים —
שטראַלט בראשית ליכטיק.

פון חשכות צו גרויס ליכט

דער שפּירהונט, זיין וואָיעו, טוקט־אויף פון פאַרהוילן;
מיר שפּרינגלען, אין אַנגסטן, אויף גליאיקע קוילן.
אויף באַלנם פון חשכות, מיר טענצלען, אין צאַפּל,
אויף שפּיצטריט — צום אויסלאָז — אויף מאָיליקע שטאַפּל.

אַ שלאַנגצונג אויף פעלדז — דאָס געפליין פון דער טיף.
עס טויבט אינעם ליידיק דער אָפּהילך פון בראָד.
„דיין רוט און דיין אָנלען" צעשטויבט אויפן ריף.
אויף שפּאַלטן דעם שוידער, פאַרזינדיקט דעם שפּראָד.

אין זינק־זאַמד, אין שליים, ווערט פאַרשלונגען, פאַרשווינדט,
אין שלייער פון חשך פאַרפּלאָנטערט, מיין קינד:
נעקלאַמערט צום זוים פון ירושה־געוואַנט —
צעטעפּעטע צויט נאָר, פאַרקוועטשט אין איר האַנט.

פאַרוויסט, אָן נשמה, הויל־שד אין די אויגן,
מיר האָבן דיך, וועלט, פון דיין נאָט אויסגעהוילן.
— אַנטפּלעק אונדז אַ צייכן, אין וואָלקן דעם בויגן,
מיר צאַפּלען אין טויט־שרעק, אל רחום, פאַרהוילן!

*　*　*

דו ביסט וועג, דו ביסט שטעג, אין געדיכט פון דער נאַכט.
גליד פון דיר — דאָס געפליין; דאָס חשכות — דיין טראַכט.
דו — דער וועג; דו — דער שטעג; אין דער נאַכט — דאָס געזיכט.
איך אין דיר, דו אין מיר, — מיר דערגרייכן דאָס ליכט.
לייב — געליימט, טויט־דערציטערט; קעל — פאַרשטומט, פאַר דיין פראַכט...

אהי״ה אַש״ר אהי״ה

זיבן טשיפּקעלעך פּישטשען
פֿון דער הייליקער נעסט.
שיק אַהיים די מאַמע,
נעם די קינדער אויף קעסט...

כ׳וועל זיין ׳אייביק־ווערן׳.
אויף דיינע לעפּצן, כ׳הײם **׳אמת׳.**
כ׳וועל טוליען דיך, אוי!
׳אַך מאָל אָך׳ — איז דער רמז.

אויף ׳אַתְבַּ״ש׳, קלעטער איך
צו ׳כֶּתֶ״ר רא״ש כֶּתֶ״ר׳.
אויף אַלף־בית, פּשוט,
כ׳בין דיין „הוי!״, דיין **הֲוָי.**

זיבן טשיפּקעלעך פּישטשען
צו דער הייליקער נעסט.
קריינען — שבת — טאַטע־מאַמע
די קינדער מיט קעסט...

דיין וויי, מיין של־ראש, קעפּט;
צעשפּליטערט — של־יד.
דיין יאוש, שטויבל־כפּירה,
כביכול שוועכט מאַט...

דו שליידערסט דיין לאַטש,
אין אבלות און מרידה.
טרעפּסט אין דער נעסט —
יאָמערט טייבעלע ווידער:

כ׳וועל זיין וואָס כ׳וועל זיין.
פריי־ווילן, כ׳וועל זיין.
כ׳וויקל־אויף אַ זין
פאַר אַלץ וואָס איך בין.

זיבן טשיפּקעלעך פּישטשען
אַרוים פון דער נעסט.
הויך פאַרפלויגן — די מאַמע.
קינדערס מַן — דיינע קעסט...

„כּי בְּיָ״ה״ — הַשֵׁמס „כּי טוב״ —
שפּראָצט פון ׳בינה׳ וועלט אַרוים.
יתומט ׳נון׳ אויף **אדמה,**
בענקט נאָך צור־עולמימס שוים...

טויער־איין, און טויער־אויס;
׳הייליק׳ — פאַרהוילן; די טומאה — בלויז.
צור־עולמים, דעם באַשייד
פלעף מיט אורליכט, ניגון־פרייד.

נישטער נישט אין מיין,
וואו סע צווילינגט ׳יאָ־ניין׳.
פליסט פון קרוין אויף ׳נישט־פאַראַן׳,
׳בינה׳ — מוטער, ׳חכמה׳ — מאַן.

זיבן טשיפּקעלעך פּישטשען
אין דער הייליקער נעסט.
נענענט, אויף שבת, דער טאַטע
צו דער מאַמען, אויף קעסט...

'אַך מאָל אָך' איז דער רמז,
אַז 'אמת' איך היים:
גייען־אויף אין פלאַקער,
משה, הבל און שת.
'אוי' ווערט 'טוב', 'ווײ' ווערט 'לֵ"ב'
שטענ־געצוויינ אוים אָלף־פּלא.
גואל צדק קעפּט די שלאַנג —
כלו שבת, אייביק, סלה...

הים

הים, בקצפו,
חורץ לשונו —
כקצב הקצף, קצפו.

ירקרק־כחול,
קצפה, אַף־נחשול —
מגש הרועש ליוצרו;
מגש הגועש על יוצרו...

ג. וכצפרים האחוזות בפח...

(קהלת, ט:י״ב)

...און ווי פֿייגל געפֿאַנגען אין אַ פֿאַסטקע...



וואו איז דער אַנקער?

וואו איז דער אַנקער
געקייטלט צו קייט?
פֿאַראַן דען אין גלעד
אַ זאַלב פֿאַר מיין וויי?
טרערן זיפּט רעגן
אויף שויביקן אויג.
פֿון קופּערנע הימלען —
מיין תּפֿילה פֿאַרשעמט.

שאור שבעיסה —
פֿאַרהוילנסטער שם.
אַ גורל געראַנגל. —
— צי שפּיצל פֿון ליץ? —
דערוואָרגן דאָס בת־קול.
אַ חלף — די פּיין.
צום שפּאָט דער פֿאַרענטפּער.
— די שפּיל, איך אַליין? —

געפּאַטשט, דאָ געשטויסן.
אַ שפּענדל אין ים.
אין 'זיין'־נעץ געפֿאַנגען —
צום קבֿר געשמידט.
ווילד שוימט די כוואַליע.
דאָס ליב ביילט די קייט.
נאָך גלעד — אין גשן —
מיין בענקשאַפֿט פֿאַרגייט.

צעריסן די קייט
צו שם־בלי־שם.
צעבראָכן דער סולם
פֿון חלל צום שטיין.
אין 'זיין'־נעץ געפֿאַנגען —
מיך שליידערט דער ים.
פֿאַראַן וואו אַן אַנקער,
אַ שטעג צום באַדייט?...

ס'איז דער קאַפּריז פונעם האַר...

וואָס ווײנען די בלעטער אין האַרבסט
און שלוכצן ערשט אונטער די פיס;
איז דען דער ווײטיק נישט גרויס,
ווען ס'שפּראָצן די בליטן אַרויס?

עס איז דאָך קאַפּריז פונעם האַר:
פאַרן שמײך — גלעט ער צערטלעך זײן הונט...

וואָס חלשן בײמער אין האַרבסט
און יאָמערן קעגן דער נאַכט;
שוועבט נישט, אין נעפּלען, די גרויל
אין פרילינג, ווען לעבן דערוואַכט?
וואָס זשע רײסן זײ קעפּ צו דער זון
און פליסטערן גליקלעך צום ווינט?

עס איז דאָך קאַפּריז פונעם האַר:
ער באַשאַפט, ער צעשטערט, אַזאַ שפּיל...

וואָס שוידערט דער מענטש, אין דערמאָנונג פון סוף
און וואַרנט זיך אין אַנגסטיקן שוויס;
איז דען דאָס לעבן אַ ליבלעכע היים —
פאַרצוקנדער אָפּגרונט — דער טויט;
ער איז דאָך בײם לעבן אַ זעמדל אין ווינט —
געשלײדערט פון באַרג־שפּיץ אין תהום.
און פרעסט שוין דאָס פוילעכץ דער פּיסק פונעם טויט —
דאָס שפּראָצן פון גראָז באַגינט...

עס איז דער קאַפּריז פונעם האַר:
(ווי די שפּיל פון דער קאַץ מיט דער מויז)
בײם דערשטיקן — באַנערט ער געוויין;
בײם צערטלען — דעם שמײכל פון גליק...

עס רייפט דער האַרבסט.

בלוטיק, בונט, דער רייפער האַרבסט.
הימל — טיפער ים.
וואָלקנפוך — צעשויבערט, העל —
שוים פון יונגן וויין.
זילבער־שטאָל — די מיטאָג־שעה;
שווינדן וואָלקן־שאָף.

שלייכט אַ מידער זקן הויך,
צום שפּיץ פון באַרג,
צום סוף פון וועג,
צו זון־באַשטראַלטע, מילדע, טעג...

וואונדיקט ערד. —
דעם פעלזן־קאַרק — איר רויען ביין —
האָט אַ ווילדער אכזר געביסן מיט די ציין.
שפּיציקט האָם דער קיזל־ריז;
שאַלט אַ וואַסער־פאַל: זש'אַקיז!

לאָקט אַ שטיבל, העכער, ווייטער;
דער באַרג — אַ לייב;
דער וואַלד — אַ רייטער.
קרעניצעס, ווי גרינע אויגן;
שטראָמען שפּיגלען רעגנבויגן.

גלאָצט, מיט רוגזה, וואַנט־גראַניט;
לאַכט, פאַרשייט, צעפּראַלטער תהום:
מענטשן־שנעק, דו האָר־צעשפּאַלטער,
קומסטו, ווילסטו זיך באַהאַלטן
אין מיין יאַטרענדיקער וואונד?...

ציטעריק שיין — דורך וואָלקן־אַש —
זיפּט פֿאַרקרענקטע זון;
שפּרענקלט זילבער, חלשט בלאַס;
סמט די זיסע פּיין;
בּויערט מאַרך פֿון ביין:

מידער זקן — דו פֿאַרשטעלטער;
ערשט אַ קרינגער — איצט אַ שעלטער;
עס וויינט אויף דיר דער ווינט אין וואַלד.
עס קלאָגט אויף דיר דער וואַסער־פֿאַל
צום הימל־גרוי, דעם זאַק פֿון ווײ,
אין טרויער, ווען דער האַרבסט פֿאַרגייט...

שניי

שקיעה־בלוט
אויף
גליאיק אײַז.
קיטל הילט
אַ ווייסן מת.
בראָמשטשען
טריט.
סקריפּעט קול:
— „ניי איך אוים?
געלעבט דען ווען?"
פֿאַרשטיקט — דער אָפּהילך.
ש ט ו מ ט
די
ש ט י ל . . .

וואוהין?

אַנטלויף זעער, לויף
פון בבל, פון סדום,
צו דיין מאַמעלע־מוטער
— **נאַטור.**

בלימעלעךווינקען דיר,
ווינטעלעך וויקלען דיך,
גראָזיקער סאַמעט דיך לאַשטשעט.

עס טריפט האָניק־פוטער;
מיט גינגאָלד־צעשפּליטער
אַ דימענט — אַ טויעלע — בלישטשעט.

דו מיינסט: אָנגעברייט
ס'איז די זאַלב פאַר דיין פּיין;
פון גן־עדנישע בריסטן צו זייגן.

קוק זעער, זע,
האָרך און פאַרנעם:
בלוט איז צעשפּריצט אויפן תכלת.

אַ שלייערל־פּרעסער
זויפט זאַפטיק געבלעטער;
צעזעגט איז די האָפנונג, די גרינע.

פאַרצוואַנגט אין אַ שנאָבל,
עס צאַפּלט, עס גוססט:
פון רויטהעלדזלס הונגער געפונען.

אַ לײַב, אויף דער לאָנקע,
באַלעקט זיך און גענעצט:
געבענטשט איז די שלווה פון זעט.

לעמעלעם ביינדעלעך
בלייכן אין זונגאָלד:
ווײַס בלענדט אויף גרין מיט על־חטא.

וואוהין זעער, פאָרט,
אַז באַשאַף שווייבלט מאָרד,
און רציחה רייסט תכלת־געוועלב? ...

קלײַב דיר אויס דײַן מיטאָס...

פונוואַנען? וואוהין?
אויף 'פאַרוואָס' צאָרנט 'ווי'.

צום חוזק: באָבע־מעשיות.
צום געשפעט: **נייע** גליקן.

'אמת' איז אַן אומוואָרט —
משוגעים פאָרשן פאָרט.

אויפן אָפּהאַנג, מויל פון תהום,
יאָמערט יוגנט. ווילד געבּרום.

קלײַב דיר אויס אַ נעכטן.
זוך דיר אויס אַ מאָרגן.
דער 'איצט' ווערט געוועבט
פון יאוש, בים פון זאָרגן.

וועגווייזער פייל?

אויב ק אָ ס מ אָ ס —

ק
ע ר
ג ו ט,
מ

עב
סג וי
אוי גן,

און סע שווינדלען

ל י פ
ע ט
ש י

די ★★ שטערן ★★ ,

ווער וויל ג ר אָ ד

דעם ג ו ר ל באַשווערן

צו בליצן דורך צ י י ט —

פייל פון בויגן ?

דער רויבער פון רו

איך בין די צוויג
וואָס הינקט אין די ליקן,
ניזכע אין מיסטן,
גנבע אַ ביין.

אַנטבלויזט מיינע בייסערס —
דו גליווערסט אין צאַפּל;
דו שפריצסט אויף מיר קללה —
איך טוק זיך אין סם.

דו יאָגסט מיך מיט שטעקנס —
איך שפרינג אויפן ווינט,
ביים־איין זיין שלעפנעץ,
זיין ווירבל־געווינט.

געפריר אויף מיין וואָנצע.
פראָסט נאָדלט מיין פעל.
הונגער — אַ מעסער —
וואָרטשעט פון קעל.

אויף אייזיקע דערנער,
איך טענצל, סקאַוואוטשע,
און פלעק הפקר־בלוט
אויף ליילעכער שניי.

אין נעגל פון פיין,
ווי אין קלעם פון אַ צוואַנג,
איך קלאָג ביי דיין פענצטער,
דיין געמיטלעכער היים.

אַ פֿלעווע פֿאַר יושר
פֿון שטערנגן באַשעפֿער.
דאָס רחמים —
אַ בלעזל, געפּלאַצט.

איך וואָיע מיין ווײ
און פּלאָג דיין געווּיסן:
די יאַט׳ריקע וואונד
אין דיין חיהשן האַרץ.

אַנטפּלעקט רויע קרעץ
קעגן האַרטער יצירה;
אין לעסטער־שגעון,
אַ בליץ: מיין „זש׳אַקיז!״

איך בין דער אויסוואָרף,
עקסטאַטיש אין דולקייט,
פֿאַרשווּעבער פֿון שפּינוועבס,
דער רויבער פֿון רו...

שטורעם

צעבינד מיך ווינט!
זאָל פּלאַצן מיט געבראַזג
די ספּרענזשינע־ספּיראַל
אין מוח אָנגעצווּנגן,
דער דראַטווע־נערוו געשפּאַנט —
די כאָרדע אינעם בוינן.

זענק דאָס שפּינוועבס פון די לעפלעך
פייער־שלאַנג; מיט ניפּט אויף געפּלעך
שפּיז דעם נעפּלדיקן שלייער
פון דער בלינדקייט.

צעפּלאָשעטע מכשפה, כמאַרע, סאַזשע־קנויל,
דערמינטער מיך ווען רגע שפּאַלט
דעם הרף־עינס הויל.
שליידער מיך צום אָפּגרונט — לער —
וואָס הויערט צווישן שטויבן.
פאַרוואַרף מיך צו דעם כף־הקלע —
נאָך סוף, פאַר אָנגעהויבן.

מעסער־שאַרף אויף חלף־בליץ,
שנייד די בעלמע־בלינד פון קלאָר,
די בלענדעניש־פאַרשטעלעניש פון וואָר.
פלייץ דעם מבול אויף פאַרוויאַניעט לייב,
לאָז לחימען די פאָרעס אינעם גוף
ווי יענער בעבער־בליט, פאַרשיכורט,
זאַפּט דעם קוויקנדיקן טראָפּן־טריף.

שטורעמווינט און וויכער,
צעריס, בינד־אָפּ די קייט,
וואָס האַלט מיין גוף אין צוואַנגען,
אין קלעם פון צייט, נעשפּרייט;
ווינט פון אַרבע־רוחות,
בלאָז מיך אויף די שטראָמען,
וואָס רייסן זיך מיט תשוקה
צום האַרץ פון שיבעה־ימים...

ווער האָט געשאָכטן די גאָלדענע פּאַווע?

געפֿלויגן, געפֿלויגן די גאָלדענע פּאַווע;
פֿאַרלוירן אַ פֿעדער צופֿוסן פֿון חוהן.

גלוסט אדם צו חוהן, גלוסט חוה צו אדם:
ציטערט, פֿאַרבלענדט זיי אַ זײַדענער פֿאָדעם.

פֿליט פּאַווע, פֿליט פּאַווע, שוועבט פּאַווע טיף־הויך —
קעבלט אדם זיס־חוהן מיט גילדענער יויך.

פֿליט פּאַווע, שוועבט פּאַווע, פֿאַרטשעפּעט דעם פֿאָדעם:
זינדיק — זעט חוה — פֿאַרשענדט איז איר אדם.

פֿלי פּאַווע, פֿלי פּאַווע, פֿלי פּאַווע טיף־בלוי —
אדם מיט חוהן פֿאַרוויאַניעט, אַש־גרוי.

סערצעלע, קרוין, — קלאָגט חוה צו אדם —
ווער האָט צעפֿלאָכטן דעם זײַדענעם פֿאָדעם?

מאַמעלע, ליובעניו, — וויינט אדם צו חוהן —
ווער האָט געשאָכטן די גאָלדענע פּאַווע?

הילכט עכאָ פֿון טיפֿסטער, פֿון אייזיקסטער הויך:
און ווער האָט געזשלאָקעט די גילדענע יויך?

דער עוקץ „איך"

איז עס יושרדיק, איז עס?
גראַמט זיך עס מיט שכל?
אינסופיק — „דאָרט" — אַ היכל
פּילפּאַלדיק, דאָך אומטײַליק;
אײן נוס, באַנומען טויב,
אײן שטומער „מיר", אומצײליק.
און... קאַפּויערדיק־אוממעסטיק
אַ דגשל, אַן „איכעלע",
אַ שפּילקע פּײן פאַרנעסטיקט
אין לעבעדיקן לײַב.
אַ פּולסירנדיקער װײטיק,
אַ גליפּלינס קפיצת־דרך —
נישט־װאו, נישט־װען, אָן ערד.

איז עס יושרדיקלעך, װאויל,
דער גרילץ אין קאָסמאָס־ניגון,
דער װײטיק־צאָן אין צאָנלאָז מויל?

לעש־אוים, צעטרעט די גליענדיקע קויל!
עוקר־זײַ די שפּילקע פּײַן,
פאַרדאַמטן צלם — „איכל" —
פון — אַנדערש־קדושדיק — „אָנכי".

ווידערשפּעניק

איך טרעט אינעם שאָטן פֿון אומעט,
ס'איז מיר גוט אין דער נאָרע פֿון פּיין.
ווי אַ לאָשעק באַפּרייט פֿונעם כאָמעט,
טאַנצסטו אויף זוניקן לאַן.

פֿון טויבסטער פֿאַרגעסונג געצווינגן,
געשטאָכן מיט דאָרן פֿון „איך",
האַרטנעקיק שטייט, נישט־געבויגן,
— באַוואוסטזיין — קריצט וועלפֿיש אויף זיך.

איך שטרויכל אויף שטיין אין מיין נאַרע,
שטעל אויף אומקום, און שטרעק דעם האַלדז.
דו שוועבסט צו דער זענפּטיקייט־נאַרע
אויף נאַרקאָטיק און שאָקל־טאַנץ.

פֿאַרטריבן פֿון אינדזל פֿון לעבן,
פֿאַרשפּעטיקט די שלעפּ־שיף צום שְאוֹל.
געמיטן באַנומען־פֿאַרגעבן,
אומבאַזינגט דאָס חלשות פֿון גרויל.

איך שלעפּ אויף זיך בגדי־פֿאַרשפּילער,
דו טראָגסט דעם פֿאַרשטויסן־מונדיר.
דערוואַגט נישט צו זיין קיין מיטשפּילער,
מיר ביידע, דאָס שטויב ביי זיין טיר...

(אַבּס.)[נ]; „נ״ = נאָכאַנאַנדיקייט

„אַבּסורד״ געכּפּלט. מדרגה: „נון״.
דער פּריז — אַ קריש פּאַרקוואַרטן בּרויט.
דו רופסט עס „פּריי״; עס פּלאַטערט רויט.
דו פּעכטסט אויף בּאַריקאַדן; דו שפּייסט
אויף טויט.

דיין אייניקל וועט ירשענען, דערפאַר,
אַ זאַטן בּויך.
עס נעמט אים שוין קיין עסן ניט,
קיין גילדערענע יויך.
זיין טראָן בּאַקילט אַ גענעץ־פּעכער.
זיין שטומפּיק האַרץ — אַ לערער בּעכער.

וואָרט איז מאַט, געדאַנק איז מיד.
נאָר, פּאַרשאָלטן זיי אויף אייבּיק יענער שד,
וואָס אָפּגעריסן האָט דעם שלייער
פון מיין טרוים, מיין הייליק פייער,
צו זען די „נון״, אַבּסורדס מדרגה,
אויפפרעסן מיין וואַכע רגע.

היי, רעבּ עמעץ, פון טרוים בּאַוואַכט,
פּאַרטויבּ די שמיעה, פּאַרשטעל דאָס ליכט,
הער נישט צום געשפּעט פון ליץ,
געפאַנגען אין דער וויסן־נעץ,
וואָס זעט די וואָר, דעם שפּאָט דערפון:
„אַבּסורד״ געכּפּלט. מדרגה: „נון״...

פרי־האַרבסט

צעצווינגענע שאָטנס אויף טיף־גרינע לאָנקעס;
נעבליאַקעוועט בלאָ אונטער פּוישעלעך גראָ;
זונס בלאַסע גאָלד פּינקלט אַדיע
צו דערשטוינטן געוויקס, צו ווינטעלע פּריי.

צעפלאָשעטער שויבער צערעשט אין ווינט —
די ווערבע, אין שוידער, פאַר אָנקום פון האַרבסט;
אַ וויג מיט די צווייגן, אַ שמייך מיט די ריטער —
קאָשמאַרן פון ווינטער, אַ בשורה נאָר ביטער.

געל און ווייַן, אָראַנזש — בלעטער פאַלן רויב,
קרייזלען זיך פאַרקוואַרט, ווירבלען זיך אין שטויב.
גלייכגילט קריכט נאָך יאוש, איינזאַמקייט נאָגט באַנג.

מענטש, דיין ביין איז קאַלט — אַן אַדערויף אויף מאָרגן.
אומזיסט דיין אָנשטעל שטאָלץ, ווען ס׳וואַרגן שוין די זאָרגן.
אַנגסטן טובלען לייב, פאַרקלעמט אין פחד־צוואַנג...

צניעותדיק גרין.

ניסָנדיק גרין — תמימותדיק עופּעלע,
ווינקט צווישן ריטלעך די בשורה
פון זומער;
ווי זילבער־באַשפּרינקלטער פּוך
אויף מיין קאָפּ —
באַגלייבטער שטאַפּעט פון געציילט־לעצטע
טעג.

צערטלעכע זון פֿון מילד־בלויען מיי,
וויש אָפּ פֿון די וויעס
מיין גיפֿטיקע טרער;
לינדער, פּיין פֿון מיין זיין,
איידער שלאָף ווינגט מיך איין;

היל מיך אין דעקעס
פֿון פֿליושענער פּאַשע;
מוטער־ערד — שענק אַ שמייכל,
ווען איך זינק אין איר שויס.

צניעותדיק גרין, שפּראָץ פֿון קבר אַרויס...

פֿאַרמייד פֿון מיר...

ווי אַן עופּעלע, פֿון ווינגל,
הייבט־אויף צאַרט אַ מאַמע,
פֿאַרזינק מיך אין דיין אייביק־שויס,
דו **אַל־דאָס־אַלץ**, מיין טאַטע.

נעפּל הילט מיין ווינקל־ווײי.
גענראַבלט פּעלדז פֿון דאָרנבייט.
רידל, אַקער, גלאָצט פֿאַרשעמט:
זשאַווער־וואונד — אויף סערפּ און טרויס.

דעם יאוש־כליפּ אין טויבער נאַכט,
דעם יאָמער פֿון יסורים־וויג,
פֿאַרמייד פֿון קעל, ווען שאָטן פֿאַלט,
דו **אַל־דאָס־אַלץ**, מיין טאַטע.

מעלאַנכאָליע

שיפּאָן־שאַרף שפּרייט זיך זאַכט —
חופּה־שלעפּ אויף שלווה־נאַכט.
לינדע ווינטלעך שנאַפּן ליליע,
האָניק, בּעז, און מעלאַנכאָליע...

שאָרכעט וועליאָן, ציטערט בּלעטל,
אָוונט — כּלה — לעקט דער נעפּל;
האָר צעפּלאָסן, קליידער פאַלדן:
פון דער בּענקשאַפט די הערלדין...

זיסער וויטיק, גליק־חולאת,
גליט בּאַגער נאָך קוש פון דעת.
סודעט צווייגל בּלאַט צו בּלאַט:
פאַרפירעריש — דער אַראָמאַט...

שיפּעט שלענגל, שטעקט דאָס צינגל;
ווי אַ חלף שאַרף דאָס קלינגל.
שושקעט גרעזל, שוידערט בּלימל:
— אַ בּעכער סם פון סאַמעט־הימל...

נאַכט־טומאַן — אַ צויבּער־שאַל —
הילט, פאַרשלייערט — אַ וואוּאַל.
קלאַנג גייט־אוים אין זים־אידיליע.
האָפונג צאַנקט אין מעלאַנכאָליע...

באַוויליק, מיין גאָט...

ביימער־ישישים — די ליבשאַפט האַלט וואַך —
באַהעלטעניש, טיף אינעם סוד פון אַ וואַלד,
אַ קוועלכל־בלעזל אויפן סאַמעטן מאָך,
אַ ווינטעלע־קוש אויף צאַרט־זיידן גראָז;

אַ פיינעלע־טענצל אויף צווייגל אין בליט,
אַ בינעלע, שיכור אין בעכער פון צוויט,
קרוינען פאַרפלאָנטערט — באַשיצנדער דאַך —
גאָטישע בויגנס זיפן זון דורכן סכך;

מיד האַרץ — חלום־ים, וויג פון נעכטיקע טעג —
איידער ס'דערשווימט צו דעם אייביקן ברעג,
באַשמייכל מיט חסד, באַשירעם מיט גענאָד,
אַ פענעצל שלווה, באַוויליק, מיין גאָט...

מיין טרויער

קידער־ווידער מיט מיין טרויער,
הענגט, אין טיפן אומגעהייער,
אַ בלויער קליאָש, אַ קאָפּ־פאַרדרייער.

געוועלבט, געקערט אויף מויל־אַראָפּ,
איבער סערוועט — גראָזיק־פליוש:
מיין נאַרן־מיץ אויף גלוי־קאָפּ.

אַ דימענט בלישטשעט — שעכט מיין טרויער —
פון דער טיפער קיל, דער בלויער.

די זון — אַ קאַרש, אין ראָזן בליט —
חלפט בלוט אויף מיין געמיט.

שטראַלן שפּיזלען קלאָר קרישטאָל:
שפּילקעס־שפּאָט אויף שאָטנטאָל.

געלאַסן, שוועבט אַ תכלת־טוך.
שטיפט — דערויף — אַ קעצל־פּוך:
פּעדעם — שפּינט — געשליפן שניי,
קניילכלעד — בלאַנק — אין ווירבלדריי.

פֿאַרשטויסן, ביי דער זוים פֿון הימל,
הויערט גרויער בער, אין דרימל.
צויטן אַש צופּט ווינט פֿון וויע —
שרעק, דראָט בייז, די ברעם אויף שקיעה.

היפּוך־נאַזנדיק, קאַפּויער,
קאַטשעט זיך דער בער, דער גרויער:
פֿאַרצוקער ראַטשקעט זיך פֿון לויער,
נענטערט — שלינגען מיך, מיין טרויער.

ווייען צונג, וואויען ווילדער.
ציט־אָן חשכות, טעמפּ־נעפּילדער —
אימה שלוקערצט — באַלנס וואַטן.
קנאַלן, קראַכן, בליץ־גראַנאַטן.

זינזאַגירט אַ בראַנד־באַגנעט.
זינקט אין דנאָ אַ גלי־שטילעט.
פּלאַצט, פּיצפּיצלט קליאַש, דער בלויער:
פֿאַרקנסט צו חשכות — איך, מיין טרויער...

עס איז נישט קיין בושה...

עס איז נישט קיין בושה צו שטאַרבן:
צעגיין־זיך אין האָניק פֿון האַרבסט.
דיין קול — ווערט אַ ווינטעלע אַרבן;
דערקוויקן אַ שפּערל — דיין גאַרב.

ליכט־פֿלייץ אויף בלעטער, די לעצטע;
נעל בענקט אין פֿלאַם — צונטער־רויט;
ער זאַלבט דיך מיט טרייסט: „נאָר די בעסטע —
דעם סוד פֿון פֿאַרלעשן פֿאַרטרויט.‟

עס איז נישט קיין חרפּה: פֿאַרשפּילן —
אָן יורשים, אָן שפּור, צו פֿאַרגיין.
דער אין־סוף צום לײדיק טוט צילן —
צו גאָרנישט, דער מאַמען פֿון זײַן.

זאַפּ־איין, זיי־זיך־טובל אין שלווה:
לשם יחוד גאָר־שפּעט מיט גאָר־אוים.
פֿון צוויינ־וועב, אויף תכלתער קאַנווע,
שפּיצן פֿון שיינקייט, שטיק־אוים.

עס איז נישט קיין בושה צו שטאַרבן:
נעל בענקט אין פֿלאַם — צונטער־רויט.
פֿון צוויינ־וועב, אויף תכלתער קאַנווע,
אַ מענטעלע שטיק־אוים צום טויט.

...און גאָט, (פּרימיטיוו)

...און גאָט,
זיין שפּילעכל — די ערד.
דער הוראַגאַן — זיין ווילדער פערד.
ער יאָגט אויף אים אין ווּיסטער נאַכט. —
עס בליצט און קנאַלט אין פעלד — זיין לאַך...
פלאַטערט זיינע לאָקן — ווינט.
זיין טרער, פון גליק, אַ רעגן שפּינט.
ציטערט מענטש, און שוידערט וואַלד;
אויף פוקס און לייב, אַ פּחד פאַלט;
קוועלט נאָך הילכיקער זיין לאַך,
און טרייסט מיט זון די שעפּעלעך.
זאַנג און קינד — פאַרגאַפט, באַהעלט —
1935 קרייזלט ווינטל פונעם פעלד...

פון פלאַקערנדיקן דאָרן אַרויס

זיין **וועל איך**, וואָס **איך** וועל זיין.
זען וועסטו, וואָס דו וועסט זען.
מיסטעריעזער טעפּעך — **צייט** —
וויקלט־אויף, אַנטפּלעקט באַטייט:

עתיד — **איך**. כ'האָב זיך געשענקט,
מיט פייערשריפט, צו האַרץ וואָס בענקט.
די טיר איז אָפן, **נאָר** פאַר דיר,
דו דאָרשטיק האַרץ, קום טרינק פון **מיר**...

איך וועל ווערן, וואָס **כ׳**וועל ווערן.
וויסן וועסט, דיין זען, דיין הערן.
הבל — שאלות, האַרץ צעריסנס:
אומוואו, אומווען, **אַין** — שליסל.

עתיד, עבר, הרף־עין —
איין געפלעכט; פֿאַרשווינדט אין **אַין.**
דו און אַלץ — אַ שפּראַץ אויס הויל —
פון **בינהס** גליענדיקער קויל.

הכל מיידט די פֿאַנגער־נעץ:
— רעזומע געבערט אַ געץ —
שפּאָגל־נייער סך־סך־הכל,
יערט אויף לעצטן כולל־הכל.

אַלץ איז אָנוואָס. די **הויל** — **אחד.**
כאַטש געפֿאַלן, דעמינאַט,
זינט קדמון־חטא, אין נידערגרוב,
הויזט די הויל אין **אַלץ** — דיין שטוב.

שברי־כלים — שטנס נאָרע.
קלייב די שערבלעך — מיט שלעכטס, זיך באָרע!
לייטער פונקען פון דער קליפה,
כאַטש, ס׳פֿאַרקנסט זיי, **הויל** — די חופה...

בהו וויכערט אין דיין ברוסט.
ס׳יערט דאָס זויערטייג פון גלוסט.
— אין פּלאָנטערווילד, געהאַקט אַ שטעג:
אויף כאַאָס רייט, צום **אַין־וועג!**

איך — אין דיר. דו — שוועבסט אויף גליק...
דאָך, ברוסט — פֿאַרסמט: הערסט נחשם סיק...
פֿאַרבאָטן פרוכט, פֿאַרזוכט אין פרעס.
צעלעכצט — באַהעפּט: פֿון **'איך'־דו'** — 'עס'!

קערן, תוך, קענסט נישט צעקנאַקן.
פרעסט — פוסטן 'עס' — אויף בײדע באַקן.
דער מײן, דער זין, גליטשט זיך פֿון האַנט:
אַ פֿאָרהאַנג פֿאַלט — שטאַכעטן־וואַנט...

ווי אַ קמצן, סלינעסט גליקלעך:
גיריק, קלײבסטו ברעקלעך, פּיצלעך
פֿאַלשגאָלד־ווײסן. מײנסט — ס'איז **דעת.**
ס'איז **קוילערמעסער** — שפּאַלט־חולאת.

קלוגיטשקע גאווה, פֿינקלט דײן אויג:
גאָרנסט־אָן פּײן אויף יסורים־סטויג.
פֿאַרצווײפֿל נישט קײן מאָל, צעבראָכן האַרץ, דו:
טויט פֿירט דיך צו **מיר** — אין **מיר** איז דײן רו...

לאָקערט תהום: איבער פונקט שפּרינגסט צו פּינטל.
אײביקײט שײדט הרף־עין — אויג־פּינטל.
כאָטש, אַ פֿאָרט אויף אַ פּעלדז ביסט, באַלאַגערט, אַלײן:
כ'וועל זײן מיט דיר, זײן, וואו נאָר זאָלסט נישט זײן.

אײדער טויט ברענגט דיך צו רו,
צעוויכערט האַרץ, באַצווינגען טו.
פֿון פֿלאָנטערשטעג, פֿון 'עס'־פּאַרפּיר,
אַנטרין צום קוואַל וואָס בעט בײ דיר:

„דו דאָרשטיק האַרץ, קום טרינק פֿון **מיר**..."

שיר ארס

מכף רגל ועד ראש —
שרש לענה פורה רוש.
מי ידב לי לחש רך?
מי יטף לי דמעת דך?

טַוָּס־חזון טבח אמש,
בערק היום מעזות השמש.
קין נרצח בסיוטי הבל:
המציאו, המירו, התאַבד בחבל . . .
תיום־צמד, איש אָחיד, נבקע ליריבים.
קין לא נברא — דם־הבל ברביבים.

שרש לענה פורה רוש,
מראש רעיון ועדי בוש.
מי יבכה הוזה מך,
יספג רעל, דמעת דך? . . .

ד. טערפּקע / טרער / שפּאַס



דאָס וואָרט

דאָס וואָרט איז געשטאָרבן.
נישט געטאָן עס זיין רעכט:
לוויות — **צו טייער.**
אין רינשטאָק — **אויך רעכט...**

פרעד, שרייט 'אָפּ־און־פּאָפּ־קאָנקרעט' —
קונסטם קרקע, קבר, טהרה־ברעט.

גלאָצט זשורנאַל — רעגאַל־פּאַפּיר —
מיט אויטאָס, שנאַפּס, און שוּמיק ביר;
מיט זייף, פּאַרפום, זופּ, און יויך;
מאַדאַם פּאָלי טיק, סאַנקט פּעטערבויך;
סעקס, גאָרסעט, מאַראַנצן־זאַפט,
פּסיכאָדעליק, מענער־קראַפט;
(פּריילין?) קרעם, און דעקאָלטע,
שאָקל־טאַנץ, און נעגליזשע.

אַ שאָד די טרער — אַרויסגעוואָרפן!
דעם לינגפלעכטער, ווער טוט באַדאַרפן?
— געשריבן 'טאָג' שטאָטס 'וויסטע נאַכט';
געשרינגן: „גליק!" — אויף בייטש פון מאַכט...

נאָך וואָס די קרענץ?
— די בלום איז פּלאַסטיק!
פּאָזע־פּראַזע — איקאָנאָקלאַסטיק...

דער הספד: זייפנבלאָז־סעמאַנטיק.
פּערזן, פּלעכט, מאָדערנער שאָלטיק;
סטענגעס ציט, ווייזט אַקראָבאַטיק.

— נישט ווערט די רייד, רבֿ חכם־עתיק!
חיים ז׳נישט (≠) צו **ל ע בֿ ן** גלייך:
(**ח**≠**ל**)
לעבֿן — נאָר אַן אַדערויף.
טויט — אַ טיר בֿלויז — ניט דער סוף.
(ט≠ס)
צעריים טומאַן — פֿאַרבֿלענד־חולאת!
חיים ז׳כולל **טויט** און **דעת**...
ח ⊂ (ט ∪ ד)

בֿיים זיך איין אין לייבֿ פֿון זיין!
פֿליק־אוים זיין האַרץ! זויף־אוים זיין פּיין!
אין בֿלינד, דערבֿליק די פֿייער־קנויל!
אין טויבֿ, דערהער געוואַי פֿון הויל!
די הימלען פֿראַלען־אויף די טויערן:
ס׳ווערט, **אמת־וואָרט**, פֿון ס׳ניי געבֿוירן...

(הערה: ׳≠׳ מיינט: נישט גלייך; ׳⊂׳ מיינט: איז כולל; ׳**∪**׳ מיינט: יחוד, באַהעפֿטונג.)

שפּאַס

נישטיק האָט גענאַשט פֿון ניש׳
אַ פֿאָלומעסיק פֿון בֿלינדע פּיש.
העשעט ניש׳: „דו הוילער נישטיק,
פֿאַשעסט זיך, און פֿרעסט מיין פֿרישטיק!״

נישטיק שלינגט אַ יעדן קריש
פֿון פֿאָלומעסיק פֿון בֿלינדע פּיש.
ניש׳ שטיקט טרערן. טרייסט אים נישטיק:
„לער ביסטו, און **ניש׳** — דיין פֿרישטיק...״

מיסטער בייגל־לאַקס האָט די ׳פּלאָר׳!...

אַ וואונדער, אַ חידוש:
אַ קינד רעדט גאָר יידיש!
ס׳איז דאָך בילעטן
צו נעמען!

אויף טעלער צעליינגן,
אין גאַזעטן באַשרייבן;
גאָט׳ס וואונדער:
אַ קינד רעדט נאָך יידיש!

האָט ווער באַשלאָסן?
אסיפות גערופן?
ווי וואַגט עס אַ קינד
אַזאַ עזות?

מען מוז עס פאַרבאָטן!
נאָר דאָן־קיכאָטן
דערלויבן מיר יידיש
צו שטאַמלען.

באַזאַלצן אַ ׳סערמאָן׳
׳געזעגנגע און טענצע׳,
אַ שפּיציקן וויץ,
מהיכי תיתי.

אַ קוועליקער יידיש,
פון קינדישן חידוש,
קען, חלילה, דעם ׳נעבעך׳
דערקוויקן.

מיר טאָלערירן,
שענקען אַ קרעכצל;
רחמנות —
אַ יידישע מידה.

הערט גוט, רבותי —
נענוע, די והותר!
אַ סוף זאָל גלייך נעמען
צום עזות!

אַ חוצפּה, אַ חידוש:
אַ קינד רעדט נאָר יידיש!
ס'איז דאָך בילעטן
צו נעמען!

קריעה צו רייסן,
אין נאַזועטן צו בייסן;
בייז־וואונדער:
אַ קינד רעדט נאָך יידיש!

יידיש לשון

יידיש לשון, קרעניצע,
געקוויקט האָסטו מיין שטאַם.
ווי איז מיר, פֿאַרצערן דיך
טוט ביטול, שנאה־פּלאַם.

אָפּגעהאַקט די צונג —
דו שטומסט אין רויטן ריוו.
פֿאַרשעמטער בעטלער, שליאָנדערסטו
אין הימלאַנד, תל־אָביב.

דער שאַבערניק פֿון ניי־יאָרק,
דער מאַכערניק פֿון יאָרק,
דער זשלאָב פֿון רויט־סמאָלענסק,
דער נאַרציסיסט פֿון פּלאָנסק,

זיי אַלע טוען שפּעטן,
זיי שטייען אָנגעברייט —
דעם לעצטן קוואַל פֿאַרשטאָפּן,
דעם עכאָ פֿון דיין פּלייט.

עס יאָווען זיך די מלאָטשעם —
זיי האָווען טון דיין רעכט:
„אוממינגלעך זיך דערוואַרטן
אויף אָטעם אויסגעהויכט!...״

געשוואוירענע באַגרעבער —
אַפּוטרופּסים, דיינע, ווערן:
אַ באַלזאַמירטע מומיע
איז ווערט די פֿאַלשע טרערן...

יידיש לשון, קרעניצע,
דו קוועלסט דאָך ממעמקים.
איך שוועב אויף דיר, דיין הייליקייט,
צו הימלישע מרחקים...

וויגליד

לזכר נשמת פינטשע בערמאַן, נ"ע

איילין ליולין יידעלע,
צעלעכערט הענגט דיין פידעלע —
אַ זקן רופט דאָס צינעלע,
אַ זקנה לעכצט פון וויגעלע.

טויב און שטום דאָס עופעלע —
נישטאָ פאַר דעם קיין רופאלע.
קוועלט אַ וואָרט וואו, יידישל —
ינוקא־קול, נס־חידושל.

איילין ליולין יידעלע,
צעלאָמעט ליגט דיין פידעלע —
אַ זקן קרעכצט פון בעטעלע,
אַ זקנה רופט דאָס שטעטעלע.

פאַלט דער פוירהאַנג באַלד.
לבנה בלישטשעט קאַלט.
פון חורבה גרילצט אַ גריל.
ס'טוט אייביקן די שטיל.

איילין ליולין יידישל,
עס פעלט נאָך דיר אַ יורשל,
עס וואַלגערט זיך דיין קדישל,
ווי איז אונדז, און ווינד.

גערווען...

(לזכר נשמת — איציק מאַנגער)

גערווען אַ כלה —
איצט, אַלטע מויד.
די פּאַפּירענע ליבּע
גריזשעט אַ מויז.

פּלאַצן די טאַצן
געלעכטער אַרוים:
— 'אויף פּאַפּירענער ליבּע
געבּויעט אַ הויז?'

צילעווען יינגעלעך
שטיינדלעך אין שויב;
פאַרשעלט זיי די אַלטע,
איינצאָניקע, מויד.

טרייבּט בּעל־עגלה
אַ ליידיקע בּויד.
— 'ער פירט דאָרט בּטחון.'
קוועלט אַלטע מויד.

דאָרניקע ריטער
אויף פערדישער הויט.
— 'בּלוט פון מיין חתן' —
נקמהט די מויד.

שפּעטן די יינגלעך:
— 'צוריק פון יאַריד;
לער איז דער וואָגן,
אָן פּדיון — דער ייד.'

פלוכט זיי די אַלטע,
בייזצונגיקע מויד:
— 'פרעכע יונגאַטשעס,
קינדער פון קויט,

בטחון — מיין פּדיון;
מיין קוואַר שטיקל ברויט.
ס'וועט ווערן קריק כּלה
פאַרשרומפּענע מויד.'

פלאַצן די טאַצן
געלעכטער אַרום.
שטעקן די יינגלעך
די צינגער אַרום:

— 'בּטחון, שמטחון,
אַ ליידיקע בּויד.
געוועזן, געשמעזן,
געבליבן אַ מויד...'

מאַנגער־סערצע

מאַנגער־סערצע, זינגער־ייִנגל,
וואָס האָסטו אונדז געטאָן?
פאַרקוילט דײַן ליד אויף פּידל־צינגל —
דײַן באַק בלײַט רויטן מאָן.

איציקל, בן־יקירל,
מיר האָבן דיך פאַרזינדיקט.
בײַנגלטאָן און לאַקסעלעג —
געטריבן דיך, געבראַנדיקט.

אָ, בײַנגלטאָן, אָ, לאַקסעלעג,
עיר וְהיים דלבנה־שרעק,
פראָסטיק גליט דער שטערן־ציטער —
פּחד פּויקט אויף אומקום־ברעג:

קומען וועט דאָס ליד צו חלום —
קאַרבן וועט עס לײַב און בײַן.
ס'וועט דײַן טאָכטער דיך פאַרלאָזן —
דײַן זון וועט פלוכן דײַן געבײַן.

גרינע בלעטער אויפן פּידל —
ייִדיש וויאַניעט, וויינט.
סמיטשיק הייזעריקט אַ לידל —
פאַר גלות־**נאַכט** געמיינט...

סאַנקט־איציק

קומט דער משורר
צום שוועל מיט אַ פּאַק;
שלעפּט ער מזמורים
אַ שפע פון זאַק:

אַ ליד צו די שטערן,
אַ ליד צו דער נאַכט,
אַ ליד צו אַ זיגנער
וואָס וויינט, ווען ער לאַכט.

אַ שפּאַס מיט זכות־ייחוס —
פאַרשטעטלטע אָבות;
מיט מרדכי־הצדיק
טרייבט ער קאַטאָוועס.

באַלאַדע טעמט טערפקע —
רויט־מאָן אויפן דאַך.
זים־טריבער ציגיינער
בעל־שם־טובט, האַלט וואַך.

גלאָצט, ביי דער טיר,
פאַרבליפט, די מאַדאַם:
„דאָ הויזט נישט, סאַנקט־איציק,
דיין רבינו תם.

דאָ וואוינט נישט דיין שניידער
— יידיש־ליד אויף זיין צונג —
די פעדעם פאַסטריגעט
נאָר אַן אַנדערער יונג.

בלאָנדזשעסט דאָ, נעבעך:
טויב איז די פרעמד.
שטומט דאָ דיין ליד,
צעשליסן — דיין העמד."

גיפטיקט די טרער
אויף פאַרוויאַנעטער באַק;
שטופּט דער משורר
די לידער אין זאַק.

זיינען מזמורים
נשמה און הויך;
קרייזלען זיי, שטייגן זיי,
העכער פון הויך.

שוועבט אַהין איציק,
פון אושפּיזין באַוואַכט,
צו דער יידישער סוכה
מיט הימלישן סכך . . .

שפּילפּלאַץ גראַם

הוידער, הינדער,
באָבעס קינדער;
הוידער העכער,
צום ספערן־קליאַש!

הוידער, ווייטער;
ראַקעטן־רייטער,

פאַנג אַ שטערן
אין צעפּלאָש!

הוידער, הינדער,
ווינט די קינדער,
שיסט זיי גיך
צום מילעכוועג!

הוידער, ווייטער,
נאָך פאַרשייטער,
פלי אַוועק
צום הימל־ברעג!

הוידער, הינדער,
פּלאַי־וואונדער;
אויפן הימל —
אַ יאַריד...

הוידער, ווייטער,
מענטש צעדרייטער,
דאָרט ווי דאָ,
אָן אונטערשיד...

הוידער, הינדער,
ווינט די קינדער;
הוידער נידער
פון ספערן־קליאָש...

הוידער, ציטער:
ראַקעטן־ריטער
— ווי אַ שטערן —
אין צעפּלאָש...

הוידע

הוידע, הוידע, הויך און העכער.
טרינק לבנה פֿון די דעכער.
פֿאַנג אַ שטערן אין זיין ציטער.
אין לעבן־שטראָם, צעלאָז זיך, ריטער.

זיווג — 'איך' און 'דו' — אַ נס.
'עס' — צעשיידט — אַ קאַלטער מת.
אָן דיר — זינלאָז דער באַשאַף:
געליימטער גולם, כּלו־טראַף.

הוידע, הוידע, שוואונג און העכער.
שלינג אַן אָטעם ביי דעם וויכער.
רייט אויף ציג אין וואָלקנפּוד.
צו קאָסמאָס־טיף, שוועב, כּישוף־טוד.

פֿרעם דעם שׂכל צוקער־וואַטע,
בוי, אויף סיריום, חלום־כאַטע.
הינטיש — וויסן, חכמה — קאַץ:
הענגסט אויף זייפֿנבלאָז — געפּלאַצט.

הוידע, הוידע, גיך און שנעל.
כאַפּ דעם טיגער ביי דער פֿעל,
שליידער אים אין כּף־הקלע,
שווים אויף לעבנס וואַסערפֿאַל.

זקנימלעך

האַצקעט באַבעשי: האָפּ, האָפּ, האָפּ.
ציטערן הענטעלעך, טאַקעוועט קאָפּ.
שליאַרעלעך, שפּיצעלעך, ליאַקערקעלעך־שוואַרץ
טענצלען צו נעכטנס אין בענקענדיק האַרץ.

האַצקעט זיידעשי: האָפּ, האָפּ, האָפּ.
ציטערן הענטעלעך, טאַקעוועט קאָפּ.
שעלקעלעך, מושקעלע, שטיוויעטקעלעך־שוואַרץ
טענצלען צו נעכטנס אין בענקענדיק האַרץ.

ראַזשינקע־קעפּעלעך. שנייאיקער פלאַקס
לאַשטשעט — צעפּלאַטערט — פנימלעך וואַקס.
גערונצלטער פאַרמעט — געכתיבהט פון צייט:
אויף שניטן, אויף קאַרבן, געלעכטערל רייט.

זיידעס שטייף־קראַגן — און הערצל — ווייס, בלאַנק.
דער באָבעשיס שערצל — נאָך דרשה־געשאַנק.
שפּעלטעלעך־ליפּן, שניטעלעך־אויגן
בליצן מילד־שפּאַסיק צום הימלישן בויגן.

— קלאַפּער־ציין, וואָס זייט איר אויסן?
'האַ?' און 'הע?' — און לוסטיק־דרויסן?!
טרער אין אויג — און קונדס־שפּיצלעך?!
פּורים־לך, **אומזיסט** — פאַרשטעלט זיך!...

רעדל דרייט זיך, פאָדעם שפּינט זיך
איין מאָל, איינציק, איינס!
קנייטל ברענט זיך, פלעמל עקט זיך
קליינטשיק, קלענער, אויס!

קינדיש קולכל. ליכט גלעט נאַכט:
אויפגאַנג פּלאַצט די שאָל...
פּאָדעם שפּינט זיך, רעדל דרייט זיך
אײביק, מאָל נאָך מאָל...

עמאָציע:

אַן אָקעאַן,
וואָס לעקט דאָס בריענדיקע זאַמד
אונטער מײנע טאָפּיענדיקע פּיס.

שוים־באַקרוינטע כוואַליעס
קאַרבן זיך און הייבן, צערענען און רעשן,
גרייט, געשפּאַנט צום שפּרונג,
צו טאָן אַ שלונג די שאָל,
מײן ווייניקייט,
די ליידיקייט,
מײן „איך".

אַ זאַק, געפּלאַצט,
זיפּט־אויס זשמעניעס זאַמד
דורך שמאַטעדיקע גלידער,
שפּיצפינגער — פּאַרקוילט —
פון פּורפּל־זון וואָס שווימט
אין קופּער־ים, דעם הימל
פון העלישן חצות.

הענט — אַרויפֿגעשאָסן.
פֿינגער — איינגעקאַרבֿט.
ווי משה, אויפֿן סיני,
האַלט די לוחות צוויי,
אַזוי האָב איך, פֿאַררים,
צו דער ליידיקייט באַוויזן
די פּורפּל־זון פֿון חצות.

די טויבקייט — אומעטום.
אָן ווידערקול — די שטום.
אַרויס ריים איך די פּורפּל־זון,
די איינגעווייד פֿון הימל.

געשליידערט כ׳האָב דעם פּורפּל־דיסק
אויף פֿעלדזיקע קינזשאַלן —
ס׳האָט צעשפּליטערט זיך, צעבליצט,
אַ שוואָם, אַ העליש פֿלאַם.
ס׳האָט געזויגן מיך, געצויגן,
וויסטער ווינט, צום תהום —
אויסגעשפּיגן מיך, געשליידערט,
צו דעם ברעג פֿון ים.

איך פֿאַרוויאַניע און צעטריף זיך
פֿאַר דעם אָנפֿלייץ פֿון געפֿלייץ,
פֿאַר די שוים־באַקרוינטע קאַרבֿן
וואָס פֿאַליען זיך צערייצט;
זיי צערענען און רעשן,
פּרעסן פּריסיק־זאַמד,
אונטער וואַקלענדיקע פּיס,
פֿאַרשווינדנדיקן גרונט...

פאַרשפּילט אַ שעת הכשר...

פֿאַלט אַ שנײ פֿון ציפֿערן,
וויכערן סימבאָלן.
אין מח איז אַ דרך־רע
פֿון פֿעלדער, גרופּן, תהומען.

מישט זיך דאָרטן הימל־ערד;
— זאָגן פֿלעגט מײַן מאַמע —
אַ נעבעכל — אַ דיפֿערענציאַל —
עס וואַרפֿט אויף שבעה ימען.

דער אינטעגראַל, דער שלאַנקער,
חלשט גאָר אין מיטן;
פֿון אַין צו אין־סוף — דער תהום —
איז נישט קיין גלאַטער שליטל.

סיגמאַ, אָמעגאַ, און... אַלף,
זיפּן זיך צוזאַמען;
שווינדלט פֿאַר די אויגן זײ
דער זאַץ פֿון אַלע זאַצן.

דער אינטעגראַל — אַ חלום־לין?
פֿאַרקוקט אַ שעת הכשר.
פֿון אַין צו אין־סוף, סומיר;
פֿון קין — דער סוד, דער פּשר.

שליטוועגס, שפּינוועבס, ציפֿערן...
די וואַך, אין אַלץ, מיר שולדיק.
דו וואָרעלע — ווי יידעלע —
דו עמא, עמא פֿזיזא...

(הערה: 'פֿעלדער', 'גרופּן', 'דיפֿערענציאַל', 'אינטעגראַל', 'סיגמאַ', 'אָמעגאַ', 'אַלף', 'זאַץ פֿון אַלע זאַצן', 'פֿון אַין צו אין־סוף', 'תהומען', 'סומירן' — דאָס זײַנען מאַטע־מאַטישע באַגריפֿן.)

צוויי־מאָל־דריי: קאַפּידרעך!

מיין אָרעם — שטערן־פּריסיק.
איך — אַ לעקל רויך —
קרייזל זיך צו 'אומוואו',
פֿאַרשווינד אין פּאָרט 'אומוועג'.

טעלעבילד־אַנאָנס?
אַ שיינהייט שוועבט אויף ווינט?
„אסותא!" — סלינעט פֿאַיאַץ —
„אויף וואָר — ניסט באָבעם הונט!"

פֿאַרטויבנדיקער קלימפּער,
אין שאַרבנס פּוסט געפּעם?
— אָנצייניקער אַזאַרטניק
שמייסט ווערפֿלעך פֿון טראַפּעז.

וואָס קלעקטשעט דאָרט אין קעסל?
— אַ לאָקש יאָגט־נאָך אַן אַרבעס:
אויף שטשערבנראַף — קרוע־בלוע —
איין נעכטן האָצקעט באָרוועס.

'סינמאַס', 'אָפּבילד־זאַצן', —
'שפּליטערפֿעלד'־באַנער.
ריבאָ־קערן־עסיק —
קאָמפּיוטערס ווידערקער.

„צוויי־מאָל־דריי: קאַפּידרעך!"
— ראָיעט מיר אין קאָפּ —
„חברה־מאַן, דו דרימלסט
אין אַ זידנדיקן טאָפּ..."

וועקט מיך אויף באַצייטנס!
ס׳ציט־אָן די שעה פון צאָרן.
אַ טעלעוויזאָר־ווילטיר
שפּיזט מיך מיט זיין האָרן...

(הערה: ׳סיגמאַס׳, ׳אַפּבילד־זאַצן׳, ׳שפּליטערפעלד׳ — זיינען מאַטעמאַטישע טערמינען; ׳ריבאָ־קערן־עסיק׳ איז אַ ביאָכעמיש־גענעטישער טערמין; ׳ווידערקער׳ איז אי אַ קיבער־נעטישער, אי אַ פּאָליטיש־וויסנשאַפטלעכער טערמין.)

טוישן, טאַשן, איבערטאַשן

אין עמק־הבכא, גליקט דעם רשע —
קיילט דאָס לייב, זיין שווערד.
לאָז נישט רויבן שענסטן חלום:
פאַרלענדן שלעכטס פון דער ערד.

ציַ־אַרוים די ׳ריש׳ פון ׳רשע׳,
פלאַנץ אין האַרץ פון ׳פיינד׳:
ווערט ער, על־פּי־נס, נהפך
אין אַ גוטן ׳פריינד׳.

ציליע אות־נאָך־אות אין קלפּי,
טאַש אַהין־אַהער:
לאָזסטו זיך מיט פיינד פון נעכטן
אין אַ יידישער ׳שער׳.

רעשט שער צו שַעַר־השמים —
שטורעם — שַעַר — ציטערס.
בעל־כרחו, שָער טרינקט לחיים —
אין מתיקות, צעגייט דאָס ביטערס.

פלעמלט 'עַיִן': שפּראָץ־אויף יושר!
כ'ניי־אוים זיך טוישן מיט 'ריש'.
קוליע 'רֶשַע', שפּרינג־אויף 'עֹשֶר' —
בשׂר ודגים, און... ש״ש.

הוליעסט־אָפּ אַ לעבן־לוקסוס,
פּאָפּסט אויף העלפֿאַנדביין.
'עַיִן' — אויג דו, נישט גנעזעטיקט,
ביז עֶרֶש־דְוָי, אויסגיין.

עֶרֶש־הודים, ליבשאַפֿט־בעטל,
ווינסט אַ לעבן־אָפּ.
עֶרֶש — קבֿר, סוף פֿון צעטל —
פֿאַלט אַ מידער סנאָפּ.

אין עמק־הבכא, גליקט דעם רויטן
— האָריקער פּעלץ און שווערד —
שענסטן חלום, לאָז נישט טייטן:
זייען גוטס אויף דער ערד.

עֹשֶר, יושר, אייביק־שלום,
בשׂר ודגים און ש״ש;
חלומסט, ברודערקע, אַ חלום —
כְּצַפִּיחִית־בִּדְבָש...

ה. ביטער־זיס

ליבשאַפּט

אַמאַליען — די ליבשאַפּט

דאָס אייז־צעפּל בלישטשעט, טריפט־טראָפּ.
ס׳צעגייט ניט דער שניי אויף מיין קאָפּ.

דער נעזבוים לאָזט טריפן זיין סאָק.
אַ מאַרץ־ווינטל שטיפט מיט דיין לאָק.

גרינאויגיקע ליבסטע, נישט מיין,
אַז ליבשאַפט נאָר יונגוואַרג באַחנט.

ווינט שעפּטשעט: „הער־אויף זיין באַטריבט.״
נאָט שמייכלט: גרייז־קינדער פאַרליבט...

דערקוויק מיך

אַמאַליען — מיט ליבשאַפט

דערקוויק מיך, לאָז הערן אונדזער נעכטיקן ניגון:
פאַרלענערט — מיט באָוול — דער מאָרגן.
אונדזער קאָפּ, האָט דער רעזין געטאָן דאַן פאַרווינג,
אונטער סאָסנע, צעשושקעט, אָן זאָרגן.

פאַר וואָר, עס איז קלאָר, כ׳וועט אַ קנאַכיקער בוים.
דיין פּנים, שמייכלט ווייטיק, גערונצלט.
אַ טאַנץ און אַ שפּרונג, לאָמיר קושן די זוים,
די שלעפּ פון דער ליבע, אומגעקינצלט.

דער שטורעם פאַרוויסט האָט די שיין פון דעם טרוים.
שיפבראָכיק אויף שומיקן מאָרגן,
מיר שטיפן אויף פעלדז־ציין אין נעכטיקן שטראָם.
געהייליקט אין ליבע — די זאָרגן.

לאָקט שאָטן פון סאָסנע; דער רעזין שמעקט פריש.
מיר באָדן דעם ווייטיק אין זאַמד.
געבענטשט איז דער בעכער, דער ווין אויפן טיש.
די ליבשאַפט שוועבט איבערן לאַנד.

מיין מיידעלע

אײדלען —
מיט ליבשאַפט —
פונעם פאַסטעכל.

שמייכלט מיין עופּעלע;
אַ גאָלדן רייפעלע
איר עפּעלע־קעפּל
באַרעמלט.

בעכערל־מײלעכל
גלעקלט אַ קולעכל;
מיין האַרץ, ווי אַ סטרונע,
צוויקט גליק...

גלוסטיקע ליפּעלעך —
בלימעלעם שעלעכל —
קרישטאָלענע טויעלעך
טריפן.

איינעלעך־דימענטלעך,
תכלתע הימעלעך,
וואָלקנדלעך פּוכענע,
שפּיגלען.

לאַשטשען זי ווינטעלעך;
שלייערן נעפּעלעך —
חלומות געהילטע
אין טולן.

פּאַשען זיך שעפעלעך;
גראָז — פּליוש און סאַמעטל.
קוועלעכל בלעזלט
פאַרשיכורט.

חלום, מיין פּיצעלע.
שמייכל, מיין עופּעלע.
דאָס פּאַסטעכל וואַכט,
און באַשיצט דיך...

ביימל מיינס

אַברהמעלען — מיט ליבשאַפט

פלאַנצל מיינס, נעזביימעלע, פּאַרריסן וואַקסט, און בייגיק.
אָט קושט עס זיך, אָט שטיפט עס מילד, מיט ווינטעלעך פון פרילינג.
ווי אַ זשיראַף־האַלדז ציט זיך אוים דער לאַנגער, שלאַנקער שאָטן.
עס קערט אַ סַנִי־נָהוֹר קרוין — צו זון — אויף איר באַראָטן.

בלינד געבלעטער שמייכלט שולדיק, זענגלט העט אויף נאָטס באַראָט.
בלעטלעך שאָקלען־צו, אויף „מסכים!", אַ תחינה, פרום, צום ליבן גאָט.
שאָטנדלעך, אין צאַרטן פלאַטער, שפּילן גרין אויף וויניק־רויט.
הילט דעם אומעט הוילע שמחה, ווי אַן אַרבעסל די שויט.

רוישט די קרוין אין זיסן ציטער, רויט באַזוימט מיט גאָלדן גלאַנץ.
שאָטן צאַפּלט, צעשיט די שטיל אויף זאַפטיק גראָז, אויף בלום אין טראַנס.
בלעטלעך שנאַפּן פאַלד פון סוד, ציען פעדעם פון אין־סוף.
פינקלט טראָפּן־טוי אויף זאַנג; בוקט זיך: ברוך! ווינט זיך: האָף!

פרילינגדיק

סודותדיק, דער קילער גרין
טרינקט אין קליאַש פון תכלת:
אַ שיכור בלעטל ציטערט דין
צו יענעם ברעג התפעלות...

חלומט אַ שרעטל

יונהלען — מיט ליבשאַפט

חלומט אַ שרעטל אויף זיין כישוף־בעטל,
וואָס הענגלט אויף זילבערנע שטראַלן,
ער קלעטערט אַ נעץ וואָס ציט זיך פון העט
ביז הימליש־לבנישע שאַלן...

— לבנה־נעץ קלעטערער, קלאַוויאַטור שפרינגער,
פאַרפאַלענער טרוימער, פאַרכישופטער זינגער,
ציטריקער מימיקער, זעער, פאָעט,
אַראָפּ רייס דאָס טרוימוועב פון דיין כישוף־בעט.

חלומט ער ווייטער, ער שטייגט אויף אַ לייטער
און צינדט־אָן אין הימל אַ פאַקל.
רייט אים אַנטקעגן דער פינצטערניש־רייטער —
טוט זיך דער סולם אַ וואַקל...

— סולם־נעץ קלעטערער, הימל־ליכט צינדער,
פאַרפאַלענער טרוימער, צויבער־פרינץ בלינדער,
ציטריקער מימיקער, נביא, פאָעט,
אַראָפּ רייס דאָס טרוימוועב פון דיין כישוף־בעט.

חלומט ער ווידער, ער הערט אַ האַרמידער
פון לצים און ס״מס לאַפּיטוטן;
זיי טרייסלען דעם לייטער — די גיפטיקע ברידער —
ער זינקט פון סמאלס רעקרוטן...

— צויבער־טרוים וועבטער, עלנטער פעבטער,
נישט אייביק וועט זינגן דער שעכטער.
ציטריקער מימיקער, זעער, פאָעט,
אַראָפּ רייס קאָשמאַרוועב פון דיין כישוף־בעט.

חלומט ער דווקא, ער הערט אַ ווילד האַווקען,
פֿאַרטרייבט ער די הינט מיט אַ שטעקן.
ביים ברעג פֿון שטילוואַסער, אויף גראָזיקער סטעשקע,
אַ שאָד איז זיך איבערצוואַוועקן.

— חלום פֿאָטעלע, באַצויבערט דיין בעטעלע —
עם הענגלט אויף זילבערנע שטראַלן.
ציטריקער מימיקער, זעער, שפּרינג־שרעטעלע,
שפּין טרוימוועבס דורכזעאיקע שאַלן...

באַדעקנס...

שטופּ מיין לאָדקע אָפּ פֿון זאַמד,
לאָז וואַסער־צונג זי לעקן.
מיין ווינקל ציט צום אויג אין וואַלד —
אַ כּלה ביים באַדעקנס...

די זון, ווי אַ געטרייער הונט,
טוט מיין ווײ אויסלעקן.
יער איך אויף אין גלוסטעניש
ווי אַ ראָשטשינע אין בעקן.

וואַרט אויף מיר אין חופּה־וואַלד
דער טויט, צי איי׳ערלעבן?
דער שלייער שפּינט אַ פֿאָדעם באַלד —
אַ וויקעלע צו וועבן...

מיין לאָדקע, אויפֿן אויג פֿון טייך,
אַ וואַסער־צונג טוט לעקן;
פֿון דער בענקשאַפֿטס קיניגרייך
זי לאַדט מיך צום באַדעקנס...

אויף סטרונעס פון נאַכט

אַ טרער צופּט די סטרונעס פון נאַכט.
אַ פראַכט־צוג — פאַרעלטערט — פּרייכט מאַכט.
סימפאָניע בליצט פייערווערק־שטויב
צו הימלען — אייז־טויב צו דער לויב...

דראָטן צעווירען מיין פענצטער —
ציטערן נאָטן אויף זיי.
די נאַכט — צווילינג־איך — אויף דער עלטער.
געפּענטעט, איך גלאָץ אויף איר ווי.

ניכטער, שאַרפשפּיריק, צעוואַכט:
געפאַנגען — אַ בלעזל אין טייג.
אין צוואַנגען פאַרקלעמט, כ׳שטום פאַרשמאַכט:
מעסערדיק פּיין — מינדסטער נייג.

ערד, ביסט פאַרביי היינט ביינאַכט.
— קאַצנשפּרונג: האָפונגבלי צו פוילזאָך —
האָסט געוואַנט — דאָך, פאַרשפּילט — לעצטע שלאַכט.
צאַפּלסט, גרוילסט, איבער תהומיקן בראָך.

אַ פּעע צופּט האַרפע — האַרצם ציטער.
בענקשאַפט — כלות־נפש — גרייכט עטער.
זילבער אויף גראַנעט־געזיכט
מיניעט וואואַל: צפון־ליכט.

אייזפּלעכט, קרישטאָל, קאַנדעלאַבער:
עם קלינגלט, עם פינקלט, עם בלענדט.
מיך שווענקט — קאַטאַראַקטן אַריבער —
אַ שוימיקער שטראָם מיט אַ פּענד.

טאַנץ פּעע, אויף ראַנד פֿון ניאַגראַ.
פֿלעכט־אויס אירע שפּרייאיקע צעפּ.
פֿאַרהיל מיך אין אירע טומאַנען.
פֿאַרפֿלי מיך צו הימלישע טרעפּ.

באַהאַלט מיך אין נישעס, פֿאַרהוילן.
וויקל — אין מיסטישער שאַל.
אויסערצייט, אויסעראָרט, טו באַפֿעלן:
מיך ליוליען אין וויג פֿון וועלטאַל.

בוי — פֿאַר ערד און פֿאַר מיר — צויבער־הייפֿן!
לינדער, וויי! זאַלב די וואונדן, פֿאַרבינד!
וויש, פּעע, די אַנגסטן פֿון שלייפֿן:
איך־ערד־נאַכט ווער גענעזן אַצינד. . .

סאַנקט וויטוס טאַנץ

שאָקל, שלענגל, שאָקל, שלענגל:
קאָטערס יאָמער, וואָיעט דזשאָנגל.
קעציש מיאַוקען, וויכערס קלאָגן:
סערף שפּיזט כמאַרע — זאָגט־אָן פּלאָגן. . .

שאָקל, שלענגל, וויג, און צאַפּל:
שלומפּערמויד — פֿאַרריסט קאַצאַפּל.
גומעלאַסטיק — הין און קריק:
ניכפּה־קאָזשעלקע — אַ פֿליק.

שאָקל, שלענגל, וויקל, צאַפּל:
תאווה בלישטשעט פֿון שוואַרצאַפּל.
הינטן פֿלעכט זיך. ווילד טוט לאָקן.
קניע־ביין — אַ פֿאַנגער־האָקן.

שאָקל, טוליע, וויג, און ציטער:
גלוסטונג איז דער נאַכטס געביטער.
צאַפּלען ציצן — פון טייך אַ פיש —
אָפּל־רייץ צו הפקר־טיש.

שווינדלדריי — ווירבלען אוינן.
יונג אין פיבער: מאַריאָנעט.
ניט־גוטע שפּרינגען פייל־פון־בויגן
אין ווילדנעדריי אויף גלי־פּאַרקעט.

קאַרוסעל צום זיבעטן הימל:
אייביק־חלום אין גליווער־דרימל.
הענט צעפּאָכעט, גוף צעהוידעט,
מטורף יונגוואַרג שעפּטשעט, סודעט:

„אייבערהערשער, אַל־דאָס־קענער,
שענק אונדז רגעס, וואַרף־צו קערנער
צייט — הויל־לײדיק, טויב, פאַרשטאַרט —
פון ניכטער־פינקל נישט געגאַרט.

האַרץ — פאַרשטיינט. געליימט — די גלידער.
פאַלשע שמייכלען — שוידערם ברידער.
נישט מיר בענקען. נישט אונדז אַרט.
שפּינען לאָז דעם גולמאַט!

באַשער אונדז פענעצלעך פון צייט!
— די אַטאָם־שוואָם נישט ווייט שוין רייט... —
לאָז כאָטש אָטעמען אַ שעה
אין אונדזער וויג־און־צאַפּל רו!...“

כ׳האָב געוואָרנט דיך . . .

כ׳האָב געוואָרנט דיך, געדענקסט,
אַז קומען וועט דער טאָג ווען כ׳וועל אַוועק.
און ס׳איז געשען. —

פון בענקען, נאָך דיין וואַרעם וואָרט, שוין מיד,
איז נמאס מיר מיין קנעכטיש האַרץ,
וואָס קיינער לאָזט אויף נאַכטלעגער אַריין.

געמעסערט האָבן מיינע רייד מיין איינן לייב;
גיפט געטריפט — פאַרסמט די איינגעווייד.

מיט טעג, הולטייאישע, האָסטו מיך געשמיסן;
געבייטשט האָט מיך דיין הפקרדיקער לאַך.

האָבן אויגן, גוטע, צוגעקוקט מיין פּיין,
באַלזאַמירט מיין רויע וואונד; געטרייסט,
די אַנגסטן איינגעזאַפּט, באַפייכט מיין ליפּ;
געוויקלט מיך אין שאַלעכלעך פון רו.

האָב איך אויפגעשפּראָצט, באַנייט, מיט האָפענונג און באַגערן.

וואָס זשע שפּרייטסטו נעצן אוים, לאָזסט די תאווה יערן,
צעוואַלגערסט דאָס געצעלט פון לעצטער טרייסט?

כ׳האָב געוואָרנט דיך, געדענק.
און ס׳איז געשען.

1940

זומער־רעגן

קנוילן כמאַרע הענגען שווער.
אַנטענעס שטעלן־אָן געהער.
שפּיזל־באָרד דאָרנט דעכער.
טעלעוויזאָרס האָרכן העכער.

רייסט זיך דראָט צו שטאָל־וואָל צויטן,
וואָס באָמבלען זיך פון זוים דעם רויטן,
שמייסן אָנגעפּוישטע אייטערס —
צעגליט, באַהעלט פון שקיעה־שייטערס.

געשוואָלענע, ווי פּולע לאָגלען,
שוואַרצע וואָלקנס דראָען האָגלען;
וויכערס ווילדע, ליקעס שטויבן —
זאַנג צעשויבערט — דרעשען, רויבן.

טשופּרינעס קרייזלען זיך שוואַרץ־פּעך:
ריזן ווילדע — צום געפּעכט —
אויף צערייצטע ווילטירן,
אַנטקעגן שטורעם, גאַלאָפּירן.

בייזע זשוברעס — קעפּ געבויגן —
רויטע יוכע אין די אויגן,
הערנער, אָנגעשפּאַנטע פּיקעס,
קראַכן, ווי אויף קיזל־שטיקעס.

בופלאָקסן — אין געראַנגל:
אין הימל, וואַלגערט ווער אַ מאַנגל,
קוילערט ווער אַ קלאָץ אויף שטיין,
קנאַקט אויף שפּליטערס שטשערבעס ביין.

רייט אַ לץ אויף בעזעם־בליץ.
אַ מזיק שלוקערצט, קייכט פון היץ.
פּלאַצט און קנאַלט אַ וואָלקן־בלאָז.
קנאַקלען טויזנט שערבלעך גלאָז.

פלייצט דער שויבער וואַסער־שויטן,
צוואָגט די שטראָזן און די ברויטן.
טענצלט טרעפּל קעגן טראָפּ —
שטעקט די זון אַרויס דעם קאָפּ.

אידיליע ...

שפּרהן — לזכר דער ליבשאַפט וואָס באַשטייט

וואַסערפלאַך — אַ שפּיגל־טיש;
ליליע שטיפט מיט זילבער־פיש;
געל ווינקט גליק אויף גרינעם סוד;
בלאַט לעקט ליכט — קוועלט שיכור־לוט.

ווערבעס, אָנגעפּוישט מיט שטיל,
צוואָגן צעפּ אין טיפער קיל.
פלאַפּלט לאָדקע — שמייכלט טייך:
שלווה שפּרייט איר קיניגרייך.

מיידל־בלום, אין מאַרקיזעט;
ליפּ טעמט זאַפטיק, אויג פאַרבעט
יינגל־פּעך אויף קופּער־גלאַנץ;
ליבשאַפט שפּינט אַ בענקשאַפט־קראַנץ.

אַלטוואַלד פלעכט דעם חופּה־סכך;
פאַנגט די לאָדקע אין איר טראַכט...

ו. וואָרצלען

חסידיש (ניגון)

מײַן שװאָגער, שלום, דעם דערמוטיקער

נאָר פון שמחה דינט מען ג־ט:

אוי, װאו זשע נעמט מען שמחה?
אוי, װאו זשע נעמט מען שמחה?

— טרײַב מיט גװאַלד די מרה שחורה,
װאַרף דעם יאָך, און האָפּ צום בורא:
עצבות איז עבודה זרה —
שעפּ זיך אָן מיט שמחה!

נאָר מיט שמחה דינט מען ג־ט:

אוי, װי זשע נעמט מען שמחה?
אוי, װי זשע נעמט מען שמחה?

— פּחד־יצחק טרײַבט די מורא.
נעם דעם עול, און האָפּ צום בורא:
שמחה הײסט דאָך אונדזער תורה —
שעפּ פון **קװאַל** פון שמחה!

נאָר דורך שמחה דינט מען ג־ט:

אוי, װאו זשע נעמט מען שמחה?
אוי, װאו זשע נעמט מען שמחה?

— זינג דעם ניגון אָבער־װידער:
ר'איז אַ הײלונג פאַר די גלידער —
„כל עצמותי", גוטער ברודער,
אַ סגולה איז פאַר שמחה!

פויליש־יידישלעך

מיין שוואָגער, אהרן,
לזכר דער היים־של־מעלה

שאַבישויפּס האַלדזט שפּייסציינאַכטס —
טשיזשמים קישן לאַטשן.
די תּנאים מעטשים איפּדיוואָך —
ניש׳, באָב׳שעם, קאַ׳ דאַאַטשן...

פּאַנטאָפּל, יאַקלאַד, טשיפּיקליאַד,
זאַמשינע שטיווילייעטן.
דאַ׳ בדחן ׳עט צעגראַמין זאַד:
צי נעמין אָף ביליעטן.

שבּתדיקס (ניגון)

איך טובל זיך אין שטיל
פון שבּתדיקן שחרית.
שלייערלעך פון **שלווה**
גלעטן אוים די גלידער.

די גנאָד פון דיין **מנוחה** —
אַ זהילונג פאַר מיין וויטיק.
מיר **דאַרפן** זיסער **טאַטע,**
דיין **כּולו־שבּת** נייטיק...

וואָרצלען

מײַן ברודער, יעקב,
צום אָנטאָן די פּראַכט פֿון שיבה.

מיר זײַנען די וואָרצלען,
מיר זײַנען דער שטאַם;
מיר זײַנען דאָס צווײַגן־געפּלעכט
אין געפּעכט מיטן ווינט;
פֿון בלעטער, דער שויבער
צעשריגן אין שטורעם,
צעליאַרעמט אין בליץ און געוויטער.

*　*　*

מיר שווינגן אין גליווער,
אין שטומען געהאָרך
צו דער שטים פֿונעם שומר,
אינעם שעפּטש פֿון שאַרייען,
אויסן שום פֿון דער שטיל;

צום שאָרך פֿון די פּאָכענע פּוישן
וואָס ווישן קרישטאָלענע טרערן
פֿון שטערן, עקסטאַטיש פֿאַרציטערט;

זיי ציען וואַלן,
פֿון ציטריקער צניעות,
אַריבער שוואַרצאַפּלען,
וואָס פּלעמלען דורך וויעם
פֿון זײַדן־געשפּינס,
איבער בלאָ פֿון דער נאַכט.

פֿאַרוואָרפֿן אַ שלייף
פֿון פֿאַרכישופֿטן פֿאָדעם,
פֿאַרטשעפּעט אין צאָן פֿונעם מולד,
מיר נאַרן דערהערן

כאָטש אַ טראַף פון דער האַרף,
אַ זילבּ פון צעזונגענעם זיטער,
אַ קוצו־של־סוד פונעם פּרדס...

* * *

זילבּערנע סטרונע
אויף גילדערנעם זיטער,
בּאַשער אונדז די זאַלבּ
פאַר פאַרבּענקטע געמיטער,
בּאַוויליק דעם טוי
וואָס דערקוויקט דאָס געבּלעטער.

* * *

מיר זיינען די וואָרצלען,
מיר זיינען דער שטאַם;
מיר שפּרייטן די זוימען
אַריבּערן ים:

צו האַלדזן
די זאַמדיקע בּרעגעם;
דרינגען אין שפּאַלטן
פון קנאָכיקע פעלדזן;
צעקרישלען דעם נאַקן
פון נאַקעטער פרעמד;
בּאַפּייכטן מיט אַנגסטן
פאַרשרפעטע קאַלכן;
פּוישן מיט טוי
פונעם אייבּיקן טרויער,
און לאָזן אויפיערן
— פון ליימען פאַרקוואַרטע —
אַ שפע פון רויערד,
אַ בּענטשונג פון ליעם...

* * *

מאַכט זיך:
אַ בלעטל פאַרוועבט זיך,
פאַרליבט זיך, ביז אויסגיין, אין בלוי;
ווי אַ פעדערל, פליט עס, פאַרשוועבט זיך
צו וואָלקנדלעך, ציפקעלעך שניי.

עס טוקט זיך אין פרעמדקייט, אין קלאָרער,
און חלפט דעם שטאַם מיט פאַראַכט;
פאַרביטן: די שכינה אין טרויער —
אויף פלעמל פון האָלצפויל ביינאַכט...

אים דאַכט זיך: בלויז זענפטיקייט הילט אים;
וואָגלאָז, שוועבט יעדער אויף פאָך;
פאַרעקשנט, עסט־איין זיך אין אורערד,
זיין שטאַם נאָר, פאַרשימלט מיט מאָך.

סמאל, געשלייערט אין ליבשאַפט,
בלאַנקט קלאָרער פון ציכטיקסטן שניי;
מרחקים אַוועק פון די וואָרצלען,
אַנטפלעקט ער דיר פעך־שוואַרצע ציין.

סמאל בריט־אוים דעם צפעוני;
צו אים איז פאַרנאָפלט די שלאַנג;
דעם אור־סם, זיי זויפן, פון חשכות —
די שנאה פלאַמט־אויף פון תהום.

עס ציט־אָן די כמאַרע, די שווערע;
די וואָלקנדלעך — פיקסלעך, געמיין;
אין ווילדן געווירבל פון בורע,
דאָס בלעטעלע פלאַטערט אַהיים.

עס בענקט צום געפלעכט פון די צווייגן;
גייט־אויס נאָך דעם סאַק אינעם שטאַם,
נאָך וואָרצלען וואָס זייגן פון קוואַלן,
וואָס ריזלען אין אייביקייט־ים.

עס פאַלט־צו און קושט־אויס די קאָרע,
די סענקעס, דעם פאַרמעט אויף בלאַט;
פון בוים — איין־אַליין קעגן באָרע —
שפּרינגען פּיקעס קריק, שטשערביק און מאַט.

עטרות — די פּראַכט פון עקידות;
אין גלי־קרענץ — דאָס ליכט פון באַשאַף;
פאָרכטיק — אין קיטלען — די עדות,
אַז וועלט איז נישט ווירבל פון טראַף.

וואָרצלען און שטאַם זיינען עיקר.
דאָס פליטערל — פלירט אויף אַ וויַיל.
מיר טרינקען פון הייליקן בעכער —
זיי פּויזען פון שליימיקער הייל...

* * *

פאַרקנסט צו די גלאָריעס פון נעכטנס —
מיר לעבן אין בלוטן פון היינט;
דעם מאָרגן — אַן אייביק געשעען
האָט **אהיה**, ביים סנה, אויסגעשפּרייט.

מיר וועלן באַשטיין אין געראַנגל —
פאַר אונדז טוט זיך שפּאַלטן דער ים.
מיר נערן דאָס שפּראָצל, דאָס צווייגל:
מיר זיינען די וואָרצלען, דער שטאַם.

תם ונשלם שבח לאל
ספר בכורי צבי ישראל
בימינו ישמע קול המית התור
בן ישי מנגן בנבל עשור

אינהאַלט

זייט

א. ויהי בימי...

9 חלק א: ספור נפלא מפי זקן מופלג רזא בן מחר

22 חלק ב: חבד בן יחבש חי וקים! חי וקים!

38 חלק ג: פּראָפעסאָר גרין איז נמאס וויסן

48 חלק ד: פּראָפעסאָר גרין גייט אַנטקעגן...

ב. ונקיתי דמם לא־נקיתי...

69 מבשר

70 מיר פרעגן...

72 שומר, מה מליל?

74 שפּילפּלאַץ באַלאַדע

75 ברודער

76 קינה

77 אין קלעם

78 קלאַנגען אין דער נאַכט...

80 פון נעפלען

82 כ׳בין פאַרביי...

84 קלאָג פון אַ גליאָווניע געראַטעוועט פון שייטער

85 כאָטש איך שריי...

87 אָ, שעלט זיי!

89 היט זיך!...

90 סמיקער בעכער

91 עס מיידט מיך דער שלאָף

92 טאָל פון פאַרטרוקנטע ביינער

94 הער...

96 פאַרטרייב די שוואַרץ־מלכה פון איבער די שטערן!...

97 פאַרהוילן פנים

98 פון חשכות צו גרוים ליכט

99 אהי"ה אש"ר אהי"ה

ג. וכצפרים האחוזות בפח...

105 וואו איז דער אַנקער?
106 ס'איז דער קאַפּריז פונעם האַר...
107 עס רייפט דער האַרבסט
108 שניי
109 וואוהין?
110 קלייב דיר אוים דיין מיטאָס...
111 וועגוויייזער פייל?
112 דער רויבער פון רז
113 שטורעם
115 ווער האָט געשאָכטן די גאָלדענע פּאַווע?
116 דער עוקץ „איך"
117 ווידערשפּעניק
118 (אַבּס.)ⁿ; „נ" = נאָכאַנאַנדיקייט
119 פרי־האַרבסט
119 צניעותדיק גרין
120 פאַרמייד פון מיר...
121 מעלאַנכאָליע
122 באַוויליק, מיין נאָט...
122 מיין טרויער
124 עס איז נישט קיין בושה...
125 ...און נאָט,
125 פון פלאַקערנדיקן דאָרן אַרוים

ד. טערפקע / טרער / שפּאָס

131 דאָס וואָרט
132 שפּאָס
133 מיסטער בייגל־לאַקס האָט די „פלאָר"!...
135 יידיש לשון

136 ווינליד
137 געוועזן...
139 מאַנגער־סערצע
140 סאַנקט־איציק
141 שפּילפּלאַץ גראַם
143 הוידע
144 זקנימלעך
145 עמאָציע:
147 פאַרשפּילט אַ שעת הכשר...
148 צוויי־מאָל־דריי: קאַפּידרעך!
149 טוישן, טאַשן, איבערטאַשן

ה. ביטער־זיס

153 ליבשאַפט
153 דערקוויק מיך
154 מיין מיידעלע
155 ביימל מיינס
155 פרילינגדיק
156 חלומט אַ שרעטל
157 באַדעקנס...
158 אויף סטרונעס פון נאַכט
159 סאַנקט וויטוס טאַנץ
161 כ'האָב געוואָרנט דיך...
162 זומער־רעגן
164 אידיליע...

ו. וואָרצלען

167 חסידיש
168 פּויליש־יידישלעך
168 שבתדיקס
169 וואָרצלען